# פארברענגען
# עם הרבי

## כד

חלק מהתוועדות כ"ד טבת תשמ"א


יוצא לאור על ידי

**"ועד תלמידי התמימים העולמי"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ושבעים ואחת לבריאה

©

Published and Copyrighted by

**"VAAD TALMIDEI HATMIMIM HAOLAMI"**

770 Eastern Parkway, Brooklyn N.Y. 11213

Tel: (718) 771-9674

Email: vaadhatmimim@gmail.com

5771-2010

---

Printed by:

**The Print House**

538 Johnson Ave. Brooklyn, NY, 11237

718.628.6700

# פתח דבר

לקראת כ"ד טבת – יום הסתלקות-הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן, הננו מוציאים לאור סרט-צילום מ**התוועדות כ"ד טבת תשמ"א**.

הוידאו יוצא במסגרת סדרת **"פארברענגען עם הרבי"**, היוצאת לאור על ידי "ועד תלמידי התמימים העולמי" וחברת JEM במשך השנים האחרונות, ומזכה את אלפי תלמידי התמימים ואנ"ש בכל רחבי תבל, להשתתף ב"פארברענגען עם הרבי" בבחינת "יהא רואה בעל השמועה כאילו עומד כנגדו".

כמנהגנו, נערכו בקלטת זו כמה שיחות ממהלך ההתוועדות עם תרגום מילולי ע"ג המסך. בקלטת זו הוספנו אפשרות לראות את כל מהלך ההתוועדות במילואה על פי הסדר (ללא תרגום מילולי).

התרגום המופיע על גבי המסך, נערך בצורה מילולית באידיש, בלה"ק, ובאנגלית – מתוך השתדלות להיצמד ככל האפשר ל"לשון הרב", למעט מקרים בודדים בהם נעשה תרגום עניני יותר, להבנת הענין לאשורו.

•

קובץ זה יוצא לאור כדי לשמש כעזר וכסיוע להכנת תוכן ההתוועדות מראש, ובו 'הנחה' מכל ההתוועדות: א) **בלשון-הקודש** – תורגם ונערך ע"י חברי המערכת. ב) **רשימה מילולית** באידיש מדברי כ"ק אדמו"ר בהתוועדות. ג) **בתרגום לאנגלית** (באדיבות sichos in English).

לתועלת הלומדים הבאנו בזה אף 'קיצור וסיכום' מהשיחות – נערכו ע"י הרה"ת יצחק שי' קפלן.

•

ויה"ר אשר בזכות ה'קאָך' בלימוד תורת רבינו, ובפרט באופן ש"רואה בעיניו ממש את המשלח, נשיא דורנו, שנותן לפניו היום שליחות זו", נזכה במהרה לקיום היעוד ד"תורה חדשה מאתי תצא", ונזכה לחזות באור פני מלך חיים, ולהשתתף בגשמיות ובמוחש בעוד פארברענגען עם הרבי, בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

**ועד תלמידי התמימים העולמי**

יום הבהיר ה' טבת, ה'תשע"א<br>
שישים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר זצוקלה"ה נבג"מ זי"ע<br>
בית חיינו – 770, ברוקלין, נ.י.

**בס"ד. משיחת אור ליום ד' פ' וארא, כ"ד טבת ה'תשמ"א.**

הנחה פרטית בלתי מוגה

**שיחה א:**

**א.** ס'איז דאָך אַ התוועדות פאַרבונדן צוזאַמען — ביז אַ התאחדות — מיט דעם יום ההילולא, מיט דער הילולא-הסתלקות פון דעם אַלטן רבי'ן,

וואָס ווי דער אַלטער רבי אַליין שרייבט אין אגרת הקודש, איז בשעת הפטירה פון אַ אידן, ובפרט פון אַ צדיק, ובפרט פון אַ נשיא, איז דעמאָלט איז "כל עמלו אשר עמל בה" כל ימיו חייו — איז דאָס דעמאָלט עולה למעלה, למקור ושורש, און דערנאָך ווערט דאָס נמשך למטה ביז אין אַן אופן פון "פועל ישועות בקרב הארץ".

**ב.** און ווי ס'איז אָפּגעטייטשט "בקרב הארץ" אין פרשת שבוע זה פון וארא, ווי רש"י טייטשט דאָס אָפּ — וואָס דאָס איז פשוטו של מקרא — וואָס ס'איז דאָך אַ כלל, אַז דוקא פשוטו של מקרא איז "אין מקרא יוצא מידי פשוטו",

[וואָס דאָס שטייט דאָך ניט אויף חלק הרמז, ניט אויף חלק הדרוש, ניט אויף חלק הסוד — אף על פי וואָס זיי זיינען דאָך אַלע אַ חלק און אופן הלימוד פון תורת אמת, זעט מען דאָך אין דערויף גופא די הדגשה, אַז אין דערויף איז דאָ דער יתרון, אַז דוקא ענין פון פשוטו של מקרא קען גאָר ניט זיין, אַז ס'זאָל זיין אַ "מקרא יוצא מידי פשוטו", משא"כ אין די אַנדערע ענינים וואָס מ'לערנט אָפּ פון אַ פסוק, קען דאָס זיין אַז דאָס איז אין אַן אופן פון וואָס "יוצא" פון דעם מקרא,

— דאָס בלייבט אַן אמת, זעלבסטפאַרשטענדליך — דאָס איז דאָך אַ חלק פון תורת אמת, ביז וואַנענט אַז אויף דערויף איז דאָך אויך חל דער פסק-דין ברור פון רמב"ם, אַז אַן ענין עיקרי אין אמונה און אַ מציאות פון אַ אידן איז, אַז יעדער ענין אין תורה שבכתב און יעדער ענין אין תורה שבעל פה גלויבט ער באמונה פשוטה אַז דאָס איז אַן ענין וואָס ניתן למשה מן השמים, אַן ענין מן השמים,

אָבער אין דערויף איז דאָך דאָ חילוקים, און ס'קען זיין חילוקים און ס'זענען דאָך דאָ חילוקים:

אָט די ענינים וואָס שטייען אין "מקרא" און די ענינים וואָס זיינען מערניט ווי אַ "רמז" אין מקרא, "ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא" — אף על פי וואָס לכאורה איז דאָס אַן ענין הלימוד הנלמד פון דעם מקרא אין אַן אופן פון רמז אָדער דרוש אָדער סוד, איז קען זיין אַז די מסקנא זאָל זיין, אַז דאָס איז "יוצא" מן המקרא און ס'בלייבט מערניט [ווי] אַ "רמיזא באורייתא",

משא"כ פשוטו של מקרא איז זאָגט תורת אמת אין כללי התורה, אַז "אין מקרא יוצא מידי פשוטו".

וואָס דאָס גיט דאָך אַרויס פירוש רש"י על התורה, "אני לא באתי לפרש אלא פשוטו של מקרא"],

טייטשט רש"י אָפּ "בקרב הארץ", אין דער סדרה אין פרשת שבוע זה, אין וארא, אַז דער אויבערשטער זאָגט, אַז אף על פי וואָס ער געפינט זיך בשמים — איז "גזירתי" איז בתחתונים.

רש"י איז מעתיק די צוויי ווערטער "בקרב הארץ" און ברענגט אַ גאַנצע אריכות בזה; לכאורה האָט דאָך רש"י געדאַרפט זאָגן "בקרב הארץ", אַז "גזירתי בתחתונים" — איז רש"י אויך דערצו מקדים, אַז דער אויבערשטער איז אין דערויף מדגיש — און דאָס איז פשוטו של מקרא — אַז דער פלא וואָס "בקרב הארץ" איז, וואָס דאָס איז פאַרבונדן דערמיט ווי דער אויבערשטער געפינט זיך "בשמים".

וואָס דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז אַזוי ווי "בקרב הארץ", וואָס דאָ איז דער אָפּטייטש "גזירתי בתחתונים", איז דאָס ניט נאָר סתם "תחתונים", נאָר "בקרב הארץ" ווי אין פשוטו של מקרא — וואָס דאָס דאַרף גאָר רש"י ניט אָפּטייטשן — אַז "בקרב הארץ" גייט אויף מצרים.

וואָס מצרים לויט פשוטו של מקרא, איז ניט געווען אַזאַ מקום מקולקל בארץ ווי ס'איז געווען אין מצרים, ווי רש"י ברענגט אַראָפּ אין פשוטו של מקרא אין ספר ויקרא, אין אחרי און אין קדושים, [וואָס דערפאַר איז די הדגשה, אַז "כמעשה ארץ מצרים" זאָל מען ניט טאָן],

איז דאָ איז דער אָפּטייטש "בתחתונים", וואָס כפשוטו של מקרא — ביז וואַנענט אַז רש"י דאַרף דאָס גאָר ניט מפרש זיין — מיינט מען "תחתונים" אין אַן אופן פון מצרים, וואָס דאָס איז דער מקולקל, ובלשון הכתוב "ערות הארץ", און דאָרטן איז דאָ דער ענין פון "גזירתי".

**ג.** וואָס דער ענין פון "גזירה" איז דאָך, אַז "אין רשות להרהר אחרי'": דאָס איז ניט אַן ענין וואָס אַ מלך גיט אַרויס מיט אַ הסברה, און וויל אַז מ'זאָל זיך מיט אים פאַנאַנדערפרעגן און וויסן און מדקדק זיין און מעיין זיין וכו' — נאָר דאָס איז לכתחילה אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַן אופן פון "גזירה".

וואָס דערפאַר איז דאָך רש"י גלייך אויך מקדים, אַז דאָס איז פאַרבונדן "אף על פי" וואָס ער איז "בשמים" — וואָס דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס איז מן הקצה אל הקצה:

אין "שמים" גופא איז דאָך דאָ כמה וכמה דרגות; אין פשוטו של מקרא ווערן זיי אַלע נכלל אין דעם וואָרט און אין דעם ענין פון "שמים", אָבער די כוונה בזה איז — די העכסטע זאַך וואָס ס'קען זיין, וכהתחלת החומש: "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ",

וואָס דאָס איז דאָך פאַרבונדן מיט דעם ענין וואָס דער אַלטער רבי, בעל ההילולא, איז מבאר בכמה מקומות, אַז ווער קען אויפטאָן אין "מטה מטה ביותר" — איז דאָס דוקא אָט דער וואָס "גבוה גבוה ביותר", דאַרף זיך דאָס נעמען פון דעם העכסטן אָרט וואָס ס'איז דאָ.

**ד.** וואָס וואָס איז דער ענין פון "עמלו אשר עמל בו כל ימי חייו" פון דעם אַלטן רבי'ן? — איז דאָך דאָס פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס איז, לכל לראש, "הנפש אשר עשו".

ס'איז דאָך דאָ די תורה זיינע, ספר התניא און שולחן-ערוך און מאמרי חסידות, ביז אין אַן אופן פון "ארוכה מיני ארץ ורחבה מיני ים" — דאָס קומט אָבער ניט, בדוגמא ווי מ'געפינט ביי — וואָס "צדיקים דומין לבוראן" — און ער איז חוקר בזה אין מדרש רבה און אין אליהו רבא, אַז ס'איז דאָ וואָס "קדמו לעולם" איז דאָ תורה און ישראל, און ס'איז דאָ אַ שקלא וטריא מי קדם למי,

וואָס דערפון גופא איז פאַרשטאַנדיק, אַז זיי האָבן אין זיך גוואַלדיקע מעלות, [אף על פי וואָס ס'איז דאָ שבעה דברים קדמו לעולם — איז אָט די צוויי זיינע אויסגעטיילט פון די שבעה],

און דערנאָך איז אין דערויף די מסקנא, אַז "מחשבתן של ישראל" איז "קדמה" אפילו צו תורה, און די ראי' אויף דערויף — פון "תורה אור" עצמה וואָס זי זאָגט אויף יעדער ענין "דבר אל בני ישראל" און "אמור אל בני ישראל", ווי ער זאָגט אין מדרש.

**ה.** וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק אין עבודת הצדיקים, וואָס "דומין לבוראן", אַז אף על פי [וואָס] כידוע דער פתגם פון דעם רבי'ן נשמתו עדן, אַז ער גייט אין הימל און די כתבים לאָזן איך אייך,

וכמדובר כמה פעמים דער קשר שבזה, אַז אין די "כתבים" איז "אנא נפשי כתבית יהבית", בדוגמא ווי ס'שטייט אויף תורה בהנוגע צו דעם אויבערשטן, ווי די גמרא זאָגט אין שבת, אַז "אנכי", [וואָס דאָס איז דאָך די התחלה פון מתן תורה], איז דאָס איז אַ ראשי-תיבות "אנא נפשי כתבית יהבית",

וואָס דער פירוש הפנימי בזה איז, אַז אין דעם "כתבית" האָט ער אַריינגעגעבן "יהבית" "נפשי" — זיי מציאות, די עצמות ומהות,

על דרך זה באַ "צדיקים דומין לבוראן", ובפרט ווי דער אַלטער רבי איז מבאר אין ספר התניא ריש פרק ה', ווי אַזוי ס'איז אַ "יחוד נפלא" צווישן דעם "משכיל" און דעם

"שכל" אין וועלכן ער ליגט און קאָכט זיך, אַז ס'ווערט גאָר אין אַן אופן וואָס "אין דוגמתו נמצא כלל", ס'איז אַזאַ יחוד,

קומט דאָס אָבער ניט ווי דאָס איז בהנוגע צו בני ישראל בקשר צום אויבערשטן,

דערפון אויך פאַרשטאַנדיק – בהנוגע צו יעדער בעל תורה וואָס לערנט תורה כדבעי, על אחת כמה וכמה – צו אַ נשיא בדורו, אַ נשמה כללית פון דעם גאַנצן דור,

אַז נוסף אויף דעם "יחוד נפלא" וואָס ס'איז דאָ ביי אים מיט זיין תורה, וואָס ביז וואַנענט איז דאָס אַראָפּגעקומען "ירדה ונסעה" אין ספר התניא און אין ספר השולחן-ערוך שלו, [אָנהויבנדיק פון הלכות תלמוד תורה, וואָס דאָס איז דאָך געווען פון די ערשטע הלכות אין שולחן-ערוך וואָס דער אַלטער רבי האָט אָפּגעדרוקט],

איז דער עיקר "עמלו אשר עמל בו" – איז דאָס די אידן, "הנפש אשר עשו".

**ו.** און בשעת מ'זאָגט אַז ס'קומט כ"ד טבת – איז אָט דעמאָלט איז "כל עמלו אשר עמל בו כל משך ימי חייו" באַקומט אַן עלי' נפלאה, נאָך מערער אפילו ווי פאַראַיאָרן כ"ד טבת, און דערנאָך איז דאָס "פועל ישועות בקרב הארץ",

וכידוע דער פסק-דין – און ווי דער אַלטער רבי בפרט איז אין דערויף מדגיש – אַז "המעשה הוא העיקר", ווי ער איז מאריך בזה אין ספר התניא בכמה מקומות, ביז אין אגרת הקודש שלו [ד"ה] "איהו וחיוהי חד איהו וגרמוהי חד", [וואָס אויף דערויף שרייבט דאָך דער צמח צדק – וואָס ער איז געווען ממלא-מקומו און "תפארת זקנים בני בנים" – אַז ער האָט דאָס געשריבן אין פיענאַ "ימים לפני הסתלקותו", אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט די הסתלקות, מיט די פטירה פון דעם אַלטן רבי'ן] – די חשיבות און דעם עילוי, ביז אין אַן אופן פון אין-ערוך, דוקא פון דעם ענין העשי'.

און אין וואָס פאַר אַן אופן ענין העשי'? – אַז דאָס זאָל אויפטאָן "בקרב הארץ".

**ז.** וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז בשעת מ'קלייבט זיך צוזאַמען, און מ'נעמט פון זמן,

וואָס ס'איז דאָך די טייערסטע זאַך וואָס ס'איז דאָך דאָ, וואָס "אבידה" וואָס "אי אפשר להחזירה" איז דאָס דער ענין פון זמן:

אַז מ'פאַרלירט עפּעס אַן ענין איז דאָך דאָס אויך אַ גוואַלדיקע זאַך, וואָרום דאָס איז דאָך אַ ניצוץ קדושה וואָס איז פאַרבונדן מיט אים, און מיטאַמאָל ווערט דאָס פאַרלאָרן פון אים, און ער קען דערמיט גאָרנישט ניט אויפטאָן, ובלשון המשנה והגמרא והפוסקים "התורה חסה על ממונם של ישראל", וכידוע דער ביאור פון בעל שם טוב'ן אין דעם,

אף על פי כן זאָגט מען, אַז ״אבדת דמים״ פון אַן ענין פון שוה כסף – קומט דאָס גאָרניט צו דעם ״איבוד זמן״, וואָרום דאָס איז אַן ענין וואָס ״אין להחזירו״: ס׳איז ״ימים יוצרו ולא אחד בהם״, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן און געגעבן געוואָרן יעדער אידן ימים אין אַן אופן אַז ס׳איז ניטאָ באַ זיי ניט קיין חסר ניט קיין יתיר,

און אף על פי כן, אַז ס׳קומט אַ יום סגולה, בדוגמא פון כ״ד טבת – נעמט מען, [און מ׳טוט דאָס על פי הוראת תורת אמת און תורת חיים], און מ׳גיט-אָפּ אַ משך זמן אויף התבוננות אין אַז דאָס איז אַ יום ההילולא; אַ יום ההילולא פון דעם און דעם, בעניננו – פון דעם אַלטן רבי׳ן, בעל התניא ושולחן-ערוך,

און ווי ער אַליין האָט אָנגעוויזן, אין די נקודות עיקריות אויף מתבונן זיין זיך אין דערויף וואָס ס׳איז פאַרבונדן מיט דעם יום הילולא – איז דאָך, כאמור אין דער אגרת הקודש – זיך מתבונן זיין בהנוגע וואָס ס׳טוט זיך אויף מיט ״עמלו אשר עמל בו״.

און אין אַן אופן, אַז דאָס פועל׳ט דערנאָך ״ישועות בקרב הארץ״.

**ח.** וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק די הוראה ברורה, מיוסד אַז ״המעשה הוא העיקר״, אַז צום אַלעם ערשטן איז קומט אַרויס די מסקנא – וואָס זי דאַרף זיין בנוגע למעשה בפועל – אויף אויפטאָן ״ישועות בקרב הארץ״:

ניט שרעקן זיך, אַז מ׳געפינט זיך ״בקרב הארץ״, אין דעם חושך כפול ומוכפל פון עקבתא דמשיחא, ביז וואַנענט אַז דאָס איז די דרגא הכי תחתונה אין מקום פון ״סוכת דוד הנופלת״, ווי דער אַלטער רבי ברענגט דאָס אויך אַראָפּ אין איינע פון זיינע אגרות-קודש [וואָס בני הגאון המחבר האָבן דאָס מצרף געווען, לאחרי ההסתלקות פון דעם אַלטן רבי׳ן, צו ספר התניא, און ס׳איז געוואָרן דער חלק רביעי שבו],

און ס׳איז ״בקרב הארץ״ – גייט מען אין אַן אופן וואָס דאָס איז ״גזירתי בתחתונים״, אַז ניט מ׳לאָזט זיך אַריין אין חשבונות פון שכל, אַז צי מ׳איז ״חלשים״ צי מ׳איז ״מעטים״ וכיוצא בזה – נאָר מ׳גייט מקיים זיין די שליחות פון דעם בעל ההילולא, אין הפצת היהדות בכלל און אין הפצת המעינות במיוחד.

וואָס דאָס האָט זיך דאָך אָנגעהויבן לאחר הגאולה שלו, וכידוע די דוגמא אַז ״הזית״ איז ״נותן שמנו כשכותשין אותו״. אַז דער ״זית״ וואָס ווערט דאָך אָנגערופן על שם השמן שבו: ״זית שמן״ כלשון הכתוב, וואָס דאָס באַווייזט, אַז דאָס איז זיין עיקר און זיין עצמות ומהות.

**ט.** איז אין דערויף די התבוננות, אַז מ׳זאָל גיין אין זיין שליחות פון ״יפוצו מעינותיך חוצה״, וואָס דאָס איז דאָך פאַרבונדן מיט הפצת היהדות בכלל,

און כאמור – אין אַן אופן וואָס ער איז דאָס גוזר אויף זיך, ״גזירתי״ בתחתונים, און איז דאָס גוזר בעיקר אויפן ענין וואָס לכאורה איז דאָס אַ כח הכי תחתון שבו, דער כח

העשי׳, און ס׳איז פאַרבונדן על פי רוב מיט אַ כח וואָס איז פאַרבונדן מיט חלק הכי תחתון שבגוף, כפשוטו – מיט הליכה ברגל, אַז ניט נאָר ער איז הולך אין דער שליחות, נאָר כלשון המשנה ״הוי רץ לדבר מצוה״,

און די ריצה זיינע איז – אין אַן אופן פון שמחה וטוב לבב, ווי דער אַלטער רבי איז מבאר בארוכה, אויך אין ספר התניא, און ברענגט אַראָפּ ״כידוע״ אין דערויף פירוש האריז״ל אַז ס׳דאַרף זיין דער ענין [פון] ״עבדת [את] הוי׳ אלקיך בשמחה ובטוב לבב״, בדוגמא הלשון ווי ער זאָגט דאָ, דער ״עמל אשר עמל בו כל משך ימי חייו״.

**י.** איז דאָס איז די ערשטע מסקנא, און וואָס זי באַרעכטיקט אויך וואָס מ׳גיט אָפּ אַזויפיל זמן בכמות, וואָרום דאָס ווערט אויפגעטאָן שלא בערך – דורך דער הצלחה אין דעם זמן שלאחרי זה – אין די ענינים עיקריים, סיי פון לימוד התורה לעצמו און קיום המצוות לעצמו, ובעיקר – אין דעם ״עמלו אשר עמל בו״, וואָס כאמור בהנוגע צו דעם אַלטן רבי׳ן איז דאָך געווען זיין עיקר ענין עבודתו, וכמבואר בשיחות רבותינו נשיאינו, ובפרט אין שיחות נשיא דורינו, פון רבי׳ן דעם שווער, וואָס דער אַלטער רבי האָט געזאָגט וואָס זיין ענין איז בהנוגע – בלשון הכתוב – ״הנפש אשר עשו בחרן״,

זאָל ער זיין דער שלוחו, און מ׳האָט אין דערויף די נתינת-כח, ביז דעם כח, ביז דעם ״שלוחו של אדם כמותו״, אַז דאָס זאָל אויפטאָן, און אויפטאָן אין אַן אופן פון ״פועל ישועות בקרב הארץ״.

**יא.** און דאָס ווערט די הכנה קרובה, כמבואר אין אגרת הבעל שם טוב הידועה, אַז בשעת מ׳איז ״פועל ישועות בקרב הארץ״, וואָס דאָס איז דאָך בדורנו – בעקבתא דמשיחא – וואָס ״מצוה לגלות זאת החכמה״, ובמיוחד לאחרי פעטערבורג, ובמיוחד לאחרי הביאור והפירוש והנתינת-כח פון נשיא דורינו, אַז דאָס איז די עבודה פון דורנו זה,

אויף אַראָפּברענגען די גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו, ובלשון הרמב״ם – אין אַן אופן פון ״נגאלין מיד״.

**יב.** און דער יום ההילולא, יום הפטירה, וואָס ער האָט געשריבן – און במילא אויך אָפּגעפּסק׳נט דאָס אויף זיך אַליין – אַז ביום הפטירה וההילולא ווערט דערנאָך נמשך מלמעלה מעלה, ביז אין למטה מטה, פון ״חסד הוי׳ מעולם עד עולם״, ביז אין ״פועל ישועות בקרב הארץ״,

אַז פון דער ישועה פרטית וואָס ער טוט-אויף מיט זיך, און טוט-אויף מיט די אידן אויף וועלכע ער איז משפיע אין די ענינים פון הפצת היהדות און הפצת התורה, אָבער דאָס רעדט זיך נאָך אַלץ וועגן אַ גאולה און אַ ישועה פון פרטים און פון אַ ריבוי פרטים, אָבער אַלץ אַלס פרטים –

ברענגט דאָס, און אין אַן אופן – כאמור – פון "נגאלין מיד", און אין אַן אופן פון "ממש", וואָרום דאָס ווערט דאָך געטאָן דורך "חלק אלוקה ממעל ממש",

אַז ס'זאָל קומען – דורך די פעולות וואָס לייגן זיך אַלע צוזאַמען – אַז ס'זאָל זיין דער "קץ שם לגלות", דורך דערויף וואָס "קץ שם לחושך" הפנימי, און לחושך וואָס איז אויך דאָ בחוץ, און ס'ווערט דער "נגאלין מיד" – אתחלתא דגאולה, און די גאולה האמיתית והשלימה,

ביז אין שלימות מיטן צווייטן פירוש בזה, אַז ניט נאָר ס'פעלט קיין זאַך ניט, נאָר "אתה מחוייב לעשרו" –ס'איז שלימות שאין שלימות למעלה הימנה, ובקרוב ממש, ו"בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו".

• • •

**שיחה ב:**

**יד.** אין דעם "הנפש אשר עשו", וואָס כאמור איז דאָס איז געווען אַן עיקר – און דער עיקר – באַ דעם בעל ההילולא, וכמדובר לעיל -

איז דאָך אויך דאָ כמה אופני "נפש" ביי אידן – בכללות, פאַנאַנדערגעטיילט פון "ראשיכם" ביז "שואב מימיך", און אויך אין כללות, אין אופן העבודה איז דער חילוק פון צדיקים ובעלי תשובה, אָדער פון "יששכר" ו"זבולון" וכיוצא בזה – כמה אופני חילוקים אויף וועלכע ס'ווערט פאַנאַנדערגעטיילט דער "נפש" ביי אַ אידן, וואָס באַ יעדערן איז דאָך דאָ דער "נפש השנית בישראל חלק אלוקה ממעל ממש".

[וכמדובר בארוכה במקום אחר, וואָס דער אַלטער רבי איז דאָ מדגיש דוקא דעם לשון "נפש" – אף על פי וואָס לפני זה, [וואָס דאָס איז דאָך די התחלה פון פרק שני אין תניא] ברענגט ער אין פרק ראשון פון לשון הכתוב "ונשמות אני עשיתי"].

איז אין דעם "נפש", כאמור, איז דאָך דאָ כמה חילוקים, וואָס ווי מ'זעט בפועל: אויף וויסן וואָס ס'איז געווען אין דערויף גופא דער עיקר – אויב ס'איז געווען אַן עיקר – צי אין "ראשיכם" צי אין די שאר החלוקות, ביז אין "שואב מימיך", ועל דרך זה בהנוגע צו דער חלוקה פון"יששכר" ו"זבולון", [וואָס דאָס איז דאָך חלוקות עיקריות אין די עשר סוגים פון "ראשיכם" ביז "שואב מימיך"], ועל דרך זה אויך אין דער חלוקה עיקרית פון צווישן צדיקים ובעלי תשובה.

וואָס דאָס האָט דאָך אַ קשר צו דער חלוקה פון "יששכר" ו"זבולון",

וואָס "יששכר" איז בכללות ענינו "יושב אוהל" - אַן אופן העבודה אין תורה ומצוותי', וואָס דאָס איז די "ד' אמות" פון אַ אידן; דער אופן עבודת הצדיקים, "תמידין כסדרן",

וואָס אַ איד געפינט זיך – ווי דער פסק-דין הרמב"ם – אין אַן אָרט וואו ס'איז דאָ אידישקייט און וואו ס'איז לייכט דורכפירן כל עניני אידישקייט וכו',

און דערנאָך דער ענין פון "זבולון", וואָס ענינו איז אין "ארץ כנען", "כנען" מלשון מסחר – "עוסק בפרקמטיא".

וואָס צוליב דערויף דאַרף ער אַרויסגיין מחוץ לד' אמות של בית הכנסת ובית-המדרש, וואָס דאָרט איז דאָך ניט קיין ענין פון מסחר, פון "עוסק בפרקמטיא", ואדרבא – דאָרט טאָר גאָר ניט זיין דער ענין המסחר, וואָרום דאָס איז אַ בית תפילה ובית-מדרש, ווי אַראָפּגעבראַכט בפשטות אין די דינים פון שולחן-ערוך,

וואָס דערפאַר דאַרף דאָך זיין דער "יוצא", לאחרי ההליכה פון "[מ]בית הכנסת לבית המדרש", איז דערנאָך איז מען יוצא לפרקמטיא – "הנהגה בהן מנהג דרך ארץ", אין דעם "ארץ", ביז אין "קרב הארץ".

וואָס על פי זה איז אויך מובן, אַז דאָס איז מתאים צו דעם חילוק ווי אין די סוגים, אַז "יששכר" איז כללות ענין עבודת הצדיקים, וואָס אין תורה גופא איז דאָך אויך דאָ דער ענין המצוות, און "זבולון" איז כללות ענינו – די עבודה פון בעל תשובה.

וואָס אויף דערויף גופא איז דאָך אויך דאָ אַ הוראה ברורה און אַ הודעה ברורה – וואָס איז געווען דער עבודה, דער "עמל אשר עמל בו", עיקר בזה, בנוגע צו דעם אַלטן רבי'ן,

כידוע פון דעם חלום, [וואָס איז דערנאָך דערציילט געוואָרן און פאַשריבן געוואָרן, און געהייסן אָפּדרוקן דאָס, על ידי נשיא דורנו, דעם רבי'ן דעם שווער], וואָס מ'גייט איבער אַ טייך פון "מים רבים", על גשר, אויף אַ בריק, און דער בריק שאָקלט זיך בשעת מ'גייט, און דערנאָך איז געגאַנגען דער אַלטער רבי און ס'האָט זיך ניט געשאָקלט,

און דער ביאור בזה, אין פתרון החלום, וואָס איז שוין אויך געדרוקט – דערפאַר וואָס עבודתו, [און מ'מוז דאָך זאָגן, אַז עיקר עבודתו, וואָרום ער האָט דאָך געטאָן, אויך אין אַן אופן פון "עמל אשר עמל בו", אויך מיט צדיקים – איז דער עיקר עבודתו, עיקר "עמלו"] – די עבודה מיט בעלי תשובה, אויף מאַכן בעלי תשובה,

וכמבואר בארוכה אויך אין דעם קונטרס אין דער שיחה וואָס איז שוין אָפּגעדרוקט אין די קונטרסים.

**טו.** וואָס דערפון קומט אויך אַרויס אַ ביאור און אַ פירוט און אַ דיוק אין המדובר לעיל בהנוגע אין וואָס איז דער עיקר ההשתדלות אין דעם ענין פון הפצת היהדות והפצת המעינות –

כאמור לעיל בכללות, אויף ניט אָפּשרעקן זיך וואָס מ׳דאַרף אין דערויף טאָן ״בקרב הארץ״, בדוגמא ווי דער ״קרב הארץ״ ווערט אָפּגעטייטשט דורך רש״י, פשוטו של מקרא, בפרשת שבוע זה – זאָל מען וויסן זיין, אַז מ׳האָט מיט זיך די ״גזירה״ פון דעם אויבערשטן,

וואָס פאַר אַ גזירה פון דעם אויבערשטן ווערט דאָך אַלץ בטל, אפילו די חשבונות וואָס מ׳קען מאַכן אין ״בית-דין של מעלה״, צי פלוני בן פלוני איז ראוי, אַז דורך אים זאָל זיך אויפטאָן אַזאַ שליחות נעלית ווי הפצת המעינות חוצה, וואָס ברענגט אַראָפּ משיח צדקנו,

וואָס דאָס איז דאָך אַ גוואַלדיקער זכות, און אויף דערויף גיט מען גוואַלדיקע כוחות, אַז מ׳זאָל קענען דערגרייכן דעם ענין וואָס ברענגט אַזאַ סאָרט זכות,

איז דאָך לכאורה קען קומען אויף דערויף אַ גאַנצע שקלא-וטריא, אַז ״מיהו זה ואיזהו״, צי איז ער ראוי לזה.

וואָס דאָס אזי אַלץ שייך אין ענינים און אין מדריגות, אין דרגות, אין עולמות, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט חשבון;

בשעת מ׳זאָגט, אַז דאָס איז אַ ״גזירתי״, אַז דאָס איז אַ גזירה פון דעם אויבערשטן – איז אָט דעמאָלט ״מי יאמר לו מה תעשה״.

וואָס בשעת דער פסוק דאַרף דאָס מחדש זיין – איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז ניט דער פסוק דאַרף אויפטאָן אַ חידוש, אַז אַ בשר-ודם איז קען ניט זאָגן דעם אויבערשטן וואָס ער זאָל טאָן. וואָרום מאי קא משמע לן; ס׳איז ניט נאָר ״סברא הוא״ ״קרא למה לי״ – דאָס איז גאָר אין סברות גופא איז דאָס בדוגמא פון אַ סברא, וואָס זאָגט אַז ס׳קען ניט זיין אויף אַ חכמה ״למשׁשה בידים״, ווידער אַלטער רבי ברענגט אַראָפּ אין דוגמא בזה אין ספרו התניא.

אויף וועמען קען מען זאָגן אַ קא סלקא-דעתך, און אויף דערויף דאַרף דער פסוק מחדש זיין אַז ״מי יאמר לו מה תעשה״? – איז דאָס בשעת ס׳רעדט זיך [וועגן] ״מתיבתא דרקיעא״ – דער ״בית-דין שלמעלה״.

וואָס דער אויבערשטער האָט לכתחילה זיי אַזוי אויפגעשטעלט, אַז זיי זאָלן זיין, אָנהויבנדיק פון ספירות, און דערנאָך קומט דאָס אַראָפּ אין אַן אופן פון ״בית-דין שלמעלה״, ״מתיבתא דקודשא בריך״, ״מתיבתא דרקיעא״, מיט די אַלע דרגות ווי זיי ווערן אויסגערעכנט בכמה מקומות,

וואָס תפקידם איז, אַז זיי זאָלן דן זיין, אין אַן אופן פון שקלא וטריא, און אין אַן אופן אַז ס׳איז דאָ ״מיימינים״ און ס׳קען זיין אויך פאַרקערט,

און דאָ איז דער פסוק מחדש, אַז ס'איז דאָ ענינים וואָס "מי יאמר לו מה תעשה":

אַז ס'וואָלט זיך גערעדט וועגן אַן אַנדער ענין קען ער זאָגן, משא"כ אָבער אין אָט די ענינים – איז "מי יאמר לו מה תעשה".

בדוגמא ווי מ'געפינט דאָך כמה פעמים וכמה דוגמאות, ביז סיפורים בפועל,

ביז אין אַן אופן ווי די גמרא זאָגט דאָס אין אַן אופן ברור, אַז אפילו "הקב"ה גוזר", וואָס דאָס איז נאָך מערער ווי אַ פסק-דין פון "בית-דין של מעלה" – איז אַ צדיק איז דאָס מבטל.

און דאָס מבטל אין אַזאַ אופן וואָס "ותגזור אומר ותקם לך", אַז דער אויבערשטער איז אַ "צדיק גוזר והקב"ה מקיים", ווי די גמרא איז מבאר באריכה אין בבא מציעא, און פאַרבינדט דאָס, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַן פון "המלמד" דוקא אַן "עם הארץ" תורה, ווי ער רעכנט דאָרט די דריי דרגות כלליות: "המלמד בנו תורה", ו"בן חבירו תורה" און אַ "בן עם הארץ תורה".

וואָס דאָס איז דאָך אויך בדוגמא פון דעם חילוק: "המלמד בנו" אָדער "בן חבירו", וואָס דאָס איז אַ חבר זיינער, איז ער דאָך זיינער אַ "חבר" בתורה ומצוותי' פון דעם וואָס ער איז "מלמד תורה", און דערנאָך איז דאָ אָט דער וואָס ער איז "בנו של עם הארץ", [וואָס "ארץ" איז דאָך אויך כולל "קרב הארץ"],

און אָט דעמאָלט איז "ותגזור אומר ותקם לך", אַז אַ צדיק איז גוזר "הקב"ה מקיים", וואָס דאָס איז נאָך מערער פון "הקב"ה גוזר וצדיק מבטל".

און אָט דאָס זאָגט מען, אַז מ'נעמט-מיט "גזירתי בתחתונים", וואָס דאָס האָט דאָך אויך אין זיך דעם אָפּטייטש, אַז דער אויבערשטער גיט דעם כח פון זיין "גזירה" – גיט ער דאָס אָפּ צו "תחתונים",

וואָס דאָס איז דאָך ווי דער מאמר חז"ל אין בבא מציעא, אַז "צדיק גוזר" – אויך דער לשון "גוזר" – "והקב"ה מקיים", וואָרום ער האָט געָנומען זיין "גזירה" און האָט דאָס אָפּגעגעבן "בתחתונים".

בדוגמא ווי מ'געפינט בנוגע בפשטות הענינים, אַז אַ פסק-דין בתורה איז "לא בשמים היא", און דער אויבערשטער אַליין זאָגט, אַז מ'דאַרף קומען צוגיין אין בית-דין שלמטה דוקא, און הערן פון נשמות בגופים ווי איז דער דין, כמבואר בפוסקים.

- אמת טאַקע, דאָס איז טאַקע דערפאַר וואָס דער אויבערשטער האָט דאָס אַזוי איינגעשטעלט, לאחרי אָבער ווי ער האָט אַזוי איינגעשטעלט – איז דאָס געוואָרן אין אַן אופן וואָס "הקב"ה מקיים"; "מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל".

וואָס דאָס איז בהנוגע לענינינו – דער ענין אין דער עבודה גופא, וואָס מ׳דאַרף זיין וויבאַלד ״הורנו מדרכיו״,

וואָס ״הורנו מדרכיו״, ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין די אגרות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט הסתלקות צדיקים, איז דאָס ״הורנו מדרכיו״ איז דאָס אויך אַ נתינת כח, אַז מ׳זאָל אַזוי טאָן, אַז ״נלכה באורחותיו והורנו מדרכיו״,

און אין אַן אופן אַז ס׳זאָל זיין ״נצח סלה ועד״, ווי ער איז דערנאָך גלייך ממשיך - אַז מ׳טוט דאָס אויף אין אַן אופן, אַז ס׳ווערט דערנאָך אַ פעולה נצחית, אַז ניט אַז דאָס פועל׳ט מערניט ווי לפי שעה, נאָר ״עולמך תראה בחייך״: ער איז אַזוי מצליח אין הפצת היהדות בכלל און אין הפצת המעינות בפרט – אַז דאָס ווערט אַ פעולה, דער ״פועל ישועות בקרב הארץ״, אַז דער איד אויף וועמען ער האָט משפיע געווען ווערט דערנאָך אַ לומד תורה ומקיים מצוות אין אַן אופן פון ״נצח סלה ועד״ – אף על פי וואָס ער האָט אים אַרויסגענומען ״מקרב הארץ״, פו תחתון שאין תחתון למטה הימנו.

**טז.** וואָס דאָס איז די הוראה נוספת, און דאָס איז אויך דער ביאור בדרך אפשר אויף די השתדלות פון דעם ״עמל אשר עמל בו״ פון נשיא דורנו, פון רבי׳ן דעם שווער, אַז מ׳זאָל דוקא איבערזעצן ענינים פון פנימיות התורה און פון נגלה דתורה אין לשון כל עם ועם, כדי צו דערגרייכן אידן, וואָס אויף אַן אַנדער לשון קען מען גאָר מיט זיי ניט רעדן,

און זיי ווילן זיך גאָר לפי שעה ניט לערנען, אַז זיי זאָלן נתקרב ווערן צו דעם לשון אין וועלכע ס׳איז געשריבן געוואָרן תורה-שבכתב אָדער אין וועלכן ס׳האָט גערעדט תנאים ואמוראים, ביז דעם בעל שם טוב, וואָס דער אַלטער רבי שרייבט דאָך אויף אים, אַז ער האָט גערעדט זיין תורה אין אידיש, ועל דרך זה די רביים נשיאים שלאחרי זה, אָנהויבנדיק פון דעם ממלא מקומו, אָנהויבנדיק פון דעם בעל ההילולא, ביז נשיא דורנו, דעם רבי׳ן דעם שווער, וואָס אויך מדברים אויף אידיש.

און אף על פי וואָס ער וויל זיך ניט לערנען, כדי צו נתקרב ווערן און קענען לערנען די תורה כפי שנאמרה – האָט מען געהייסן, אַז ס׳זאָל זיין דער ״נסעה וירדה״, ודוקא בדורנו זה, על ידי נשיא דורנו, וואָס ער האָט געזען די צרכי הדור און די דרכים דורך וועלכע מ׳דאַרף אויפטאָן אין דעם דור במיוחד - אַז ס׳זאָל אויפגעטאָן ווערן דוקא דורך די העתקה ללשון כל עם ועם,

ווי ער האָט דאָס געטאָן אויך בפועל, און געהייסן אַז מ׳זאָל דאָס ממשיך זיין באופן כזה אין כל מדינה ומדינה בלשונה,

איז אויך צוליב די סאָרט אידן, ואדרבא – אין דערויף דאַרף זיין די השתדלות מיוחדה, ווי דערציילט אין מדרש אין דער פרשה פון שבת שלפני יום ההילולא, ״דמיני׳ מתברכין כולי יומי״, פון פרשה שמות, אויף ״ומשה הי׳ רועה״, אַז דער עיקר השתדלות איז

געווען דוקא מיט דער ״שה פזורה״ וואָס זי איז אַנטלאָפן פון דעם ״עדר״, און אַנטלאָפן אין מדבר, ״נחש שרף ועקרב וצמאון אשר אין מים״, און אַהינצו איז געגאַנגען משה, און האָט איר דערנאָך געטראָגן בידיו, כמבואר דער סיפור בארוכה, וואָס דאָס איז דאָך אַ סיפור אַ הוראה, אַ חלק פון תורה, אין מדרש רבה.

**יז.** וואָס דאָס איז דאָך אָבער אויך דורש ביאור:

וויבאַלד אַז מ׳זאָגט, אַז ״עמל אשר עמל בו כל ימיו חייו״ – היינט ווי אַזוי קען מען זאָגן, אַז דאָס איז אַן ענין פון בעלי תשובה, בשעת מ׳האָט אַ ריבוי סיפורים בהנוגע צו דעם ״עמל״ וואָס דער אַלטער רבי האָט געהאָרעוועט מיט בעלי תורה, און מיט אידן וואָס זיינען געווען צדיקים,

אויך כמובן פון דעם אריכות הסיפורים פון רבינו נשיאינו, מיט די פרטים ווי זיי דערציילן דאָרטן, אויף וויפל דער אַלטער רבי האָט זיך משתדל געווען, ביז אין אַן אופן פון ״עמל״, בהנוגע צו צדיקים ובעלי תורה ו״ישכר״ – לאו דוקא צו ״זבולון״ ובעלי תשובה וכיוצא בזה.

וואָס דער ביאור בזה – איז דער אַלטער רבי אַליין מבאר,

ווי כמבואר בארוכה אין די דרושים וואו ס׳רעדט זיך ענין התשובה, ובארוכה אין לקוטי תורה האזינו, וואו ער רעדט דאָרטן ווי אַזוי אַ נשמה איז פאַרבונדן מיט דער אויבערשטן ווי דער אויבערשטער איז בדוגמת ה״צור״,

[וואָס אין אים איז דער אש לגמרי ניט ניכר. – דאָס איז ניט ווי די דוגמא אויף ספירות עליונות ווי זיי זיינען כשלהבת בגחלת, נאָר וואָס דען? – דאָס איז ווי אש געפינט זיך אין אַ צור, אין אַ שטיין],

און פון דאָרטן ווערט נמשך די נשמה, דער ״חלק אלוקה ממעל ממש״, וואָס זי איז דאָ באַ דעם אידן אויף וועלכן ער איז משפיע, און איז מעורר, אַז די נשמה זאָל זיין אין אַן אופן, ווי דער אַלטער רבי איז דאָרט מבאר, אַז דער ענין התשובה, אַז דאָס איז שלא כדעת אַז דאָס איז דוקא פאַרבונדן מיט אַן עבירה און תשובה אויף אַן עבירה, נאָר דאָס איז מלשון ומענין פון ״והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה״.

וואָס דאָס איז דאָך דער ענין וואָס ס׳איז דאָ ביי אַ צדיק מיטן גאַנצן שטורעם.

וואָס דאָ איז דאָך דער דיוק ״נתנה״, און ווי מ׳זאָגט יעדער טאָג אין ברכות השחר, אַז ״אתה בראתה, אתה יצרתה ואת נפחתה בי״, דערנאָך איז נאָך דאָ לפני זה ״נשמה שנתת בי״, ״נתנה״, און אין ״נתנה״ גופא קען דאָך זיין ״כשלהבת בגחלת״, און דאָרט ברענגט דער אַלטער רבי דעם פסוק און די דוגמא מיט דעם ביאור אויף דעם ענין ווי אש געפינט זיך אין אַ צור.

וואָס דאָס איז במיוחד פאַרבונדן מיט "יפוצו מעינותיך חוצה", וואָס כאמור איז דאָס פאַרבונדן מיט הפצת היהדות בכלל,

וואָס "יפוצו מעינותיך חוצה" ברענגט דאָך אַראָפּ משיח׳ן, "אתי מר דא מלכא משיחא" – איז דאָך מבאר דער אַלטער רבי אין לקוטי תורה סמוך לסופו, לסיומו, אַז "איתא בזהר", אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט "עתיד לאתבא צדיקייא בתיובתא".

**יח.** ביז וואַנענט אַז כמדובר כמה פעמים – דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט אַ דין.

וכמדובר אַמאָל בארוכה וואָס די גמרא זאָגט אין קידושין, אַז "המקדש את האשה על מנת שהוא צדיק גמור", איז אפילו אַז ער איז דער היפך דערפון, ביז דער היפך לגמרי, "רשע גמור" – ווי ער ברענגט אַראָפּ אין תניא בתחילתו – איז אויב ס׳איז אַ ספק, אַז "שמא הרהר תשובה", איז דעמאָלט איז ספק מקודשת; אויב ס׳איז אַ ודאי אַז הרהר תשובה, [ו"ידע אינש בנפשו", ער ווייס דאָך וואָס מיט אים טוט זיך, ואדרבא – יעדער איד און אַלע אידן זיינען דאָך בחזקת כשרות], איז דערפון גופא פאַרשטאַנדיק, פון דער שקלא וטריא אין גמרא, אַז זי איז ודאי מקודשת.

איז דאָך ידוע אין דערויף די קשיא: דער דין איז, אַז "המקדש את האשה על מנת שהוא עני" און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַן עשיר – איז אינה מקודשת.

לכאורה איז דאָך וואָס האַרט דאָס, אַז זי איז טאַקע מוותר, אַז כאָטש אפילו ער איז אַן עני, אָבער אויב ער איז אַן עשיר – דאַרף זי דאָך זיכער וועלן, איז אף על פי כן איז דאָ מעלות בזה ומעלות בזה,

פרעגט מען דאָך די קשיא הידועה: ווי דאָס איז עשירות ועניות אין ענינים גשמיים – על דרך זה איז דאָך דאָ די זעלבע טעמים בנוגע צו "עניות" ו"עשירות" אין ענינים רוחניים:

וויבאַלד אַז ער האָט איר מקדש געווען על מנת שהוא "צדיק גמור", און דערנאָך ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז געווען דער היפך, נאָר עשה תשובה, "הרהר תשובה", במילא איז "נעשה גמור"; וואָס איז ער געוואָרן גמור? - אַ בעל תשובה גמור. וואָס אַ בעל תשובה בערך פון אַ צדיק – ווי דער רמב"ם פסק׳נט אָפּ – איז דאָס אַן ענין פון "עשירות" לגבי הנהגה על דרך הרגיל, ביז וואַנענט ווי מ׳זאָגט, אַז "אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד שם", איז דאָך דאָס בדוגמא פון עניות לגבי עשירות.

איז דאָך איינער פון די תירוצים בזה, אַז אף על פי וואָס כללות ענין התשובה איז דאָך דאָס אין אַן אופן פון "דילוג", ניט הליכה מדרגא לדרגא, ובלשון הידוע "בשעתא חדא וברגעא חדא" ווערט אַ היפך מן הקצה אל הקצה, בשעת אָבער ער גייט-דורך די דרגות ברוחניות – גייט ער דורך דורך אַלע דרגות,

בדוגמא ווי מ'זאָגט באַ תשובה, אַז ס'איז דאָ תשובה מיראה, און דערנאָך איז דאָ תשובה מאהבה, און דערנאָך איז דאָ אין תשובה מאהבה גופא — ביז אין אַ תשובה שלימה מאהבה, און דאָס טוט זיך אָפּ אַלץ "בשעתא חדא וברגעא חדא".

לערנט די גמרא, און פסק'נט אָפּ על יסוד זה בפועל, אַז אף על פי וואָס ער איז געוואָרן אַ צדיק גמור, וואָס דאָס איז בדוגמא פון אַן עשיר — איז בדרך הילוכו, בדרך פון זיין "שפּרינגען" פון די דרגא פון רשע גמור און ער שפּריינגט אַריין אין דער דרגא פון בעל תשובה גמור — איז ער דורכגעשפּרונגען אין דעם "שפּרינגען" אויך די דרגא פון צדיק גמור,

וואָרום ס'איז אַ גאַנצער סדר השתלשלות, נאָר וואָס דען? - אַזוי נעמט דאָס אריכות הזמן ואריכות העבודה, דערנאָך איז דאָ אַן אופן העבודה וואָס דאָס טוט זיך אַלץ אָפּ "בשעתא חדא וברגעא חדא", אָבער ער שפּרינגט-דורך דעם גאַנצן סדר פון [דער] דרגא וואו ס'געפינט זיך אַ רשע גמור, ביז צו דער דרגא וואו ס'געפינט זיך דער בעל תשובה גמור, מוז ער דורכשפּרינגען אויך דעם אָרט וואו ס'געפינען זיך צדיקים גמורים — איז אָט דעמאָלט ווערט זי נתקדש.

איי וואָס דערנאָך איז ער געוואָרן נאָך מערער, ביז ער איז געוואָרן אַ בעל תשובה גמור — דאָס קען ניט מבטל זיין די קידושין וואָס ס'איז שוין געוואָרן בשעת ער איז געווען אין דעם עולם און אין דער דרגא פון "צדיק גמור".

**יט.** וואָס על דרך זה בהנוגע לענינינו, וכמדובר אַז מ'געפינט זיך אין דעם "עמל אשר עמל בו", איז געפינט מען דאָך אַ ריבוי עמל און ריבוי זמן אין השתדלות מיט בעלי תורה און מיט צדיקים — איז דער אַלטער רבי אַליין איז דאָס מבאר, אַז דער ענין התשובה איז דער ענין פון "והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה",

נאָר אין דערויף איז נאָך דאָ אויך:

פּונקט אַזוי ווי ס'איז דאָ דער "יתרון האור מן החושך" און "יתרון החכמה מן הסכלות" — איז אין דעם "והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה", דער ענין פון "תשוב", איז קען דאָס זיין, אויב דאָס איז ביי אַזאַ וואָס ער איז, כלשון פון רש"י אין סוכה, "חסיד מעיקרו", אַז מעולם לא עבר ולא פגם און איז אַלעמאָל געווען אַ שומר תורה ומצוה, איז אויך ביי אים דאָ דער "לאתבא צדיקייא בתיובתא,

דאָס קומט אָבער ניט צו דעם ענין וואָס ס'טוט זיך אויף דורך דערויף וואָס מ'טוט-אויף אין "חוצה", און אין דערויף איז געווען דער עיקר ה"עמל".

איי משיח צדקנו'ס קומען איז פאַרבונדן מיט "לאתבא צדיקייא בתיובתא" — איז כמדובר לעיל בנוגע צום דין אין קידושין:

בשעת מ׳איז מעלה פון ״חוצה״ און מ׳מאַכט פון אים אַ בעל-תשובה, [ביז ווי דער אַלטער רבי טייטשט אָפּ דעם לשון ״בעל תשובה״, אין לקוטי תורה סוף פ׳ בלק, אַז ער ווערט אַ ״באַלעבאָס״ אויף דעם ענין התשובה] – איז גייט ער אָבער דורך דערך הילוכו די דרגא פון ״צדיקייא״, און דערנאָך לויפט ער גלייך אין דער זעלבער רגע אין דעם אופן פון ״תיובתא״.

וואָס בנוגע לפועל:

בשעת ס׳קומט צוגיין אַ איד און מ׳זאָגט, און מ׳דעהערט און טוט דאָס בפועל, אַז ער גייט בשליחות פון נשיא דורנו אויף להפיץ המעינות חוצה ולהפיץ היהדות חוצה,

און מ׳זאָגט אים, אַז ״שלוחו של אדם כמותו״ – ווערט ביי אים אַ שאלה: וואו איז דאָ ביי אים דער ענין פון מעלות בעל-תשובה?

ער איז ממלא אַ שליחות, ביז אין אַן אופן פון ״שלוחו של אדם כמותו״, איז בשעת ער גייט ממלא זיין אָט די שליחות – האָט ער די מעלה פון אַ צדיק, און האָט ניט די מעלה פון בעל-תשובה. וואָס האַרט אים טאָמער וועט ער די האַלבע שעה ניט האָבן אָט די מעלה?

איז דאָס אָבער אַ נפקא מינה בנוגע צו דער הצלחה וואָס מ׳קען אויפטאָן מיט אַ צווייטן:

בשעת ס׳איז דאָ דער ״יתרון האור מן החושך״ און ״יתרון החכמה מן הסכלות״ – איז פאַרשטאַנדיק בפשטות, אַז דעמאָלט קען מען לייכטער אויפטאָן מיט אַ חושך כפול ומכופל – וויבאַלד אַז ביי אים איז דאָ דער ענין פון אור אין אַן אופן פון ״יתרון האור״.

זאָגט מען אים, אַז דאָס איז דער ״צדיקייא בתיובתא״.

ולאידך גיסא אויך:

אפילו אַזאַ וואָס ער איז געווען ״בקרב הארץ״, ביז אין ״תחתונים״, ביז אין ארץ מצרים, און אים זאָגט מען אויך, אַז תפקידו ושליחותו בדורנו זה, וויבאַלד אַז דאָס איז אַ דור פון ״קץ שם לחושך״, אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן אויפן ״קץ שם לחושך״ כפול ומכופל פון דעם גלות, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט גאולה, וואָס זי איז פאַרבונדן דוקא מיט דעם ענין התשובה, ווי דער רמב״ם פסק׳נט אָפּ בפירוש, אַז ״נגאלין מיד״ איז ״הבטיחה תורה״, אַ הבטחה פון תורת אמת, אַז אין סוף ימי הגלות איז ״ישראל עושין תשובה״, [ניט ער זאָגט דעם ענין פון לימוד התורה וקיום המצוות, נאָר ״ישראל עושין תשובה״] ״ומיד הן נגאלין״. און דאָס איז אין אַן אופן פון הבטחה.

איז מען אים מסביר, אַז דאָס האָט ער אין זיך די ביידע ענינים:

בנוגע צו דעם אויפטאָן ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט תשובה — האָט ער דעם ענין און דעם כח פון תשובה, [און נאָך מערער — אין אַן אופן, אַז ער ווערט דער באַלעבאָס, אַ ״בעל תשובה״ און אַ ״בעל״ אויף תשובה שלימה, וואָס דוקא זי מיינט מען דאָך אין ״[לאתבא] צדיקייא בתיובתא״], און ער האָט אויך אָט די מעלות וואָס ס׳האָט אַ צדיק — דער אופן העבודה אין ״תמידין כסדרן״,

וואָס בשעת מ׳דאַרף ווייזן אַביישפיל און פועל זיין פון אַ צווייטן — איז דאָך אָט דעמאָלט מער נוגע דער ״תמידין כסדרן״, ווי מ׳קען אויפטאָן דורך דערויף וואָס מ׳זאָגט אים, אַז מ׳האָט באַוויזן אַ ״קונץ״ מיט זיך ״בשעתא חדא וברגעא חדא״,

וואָס אָט דעמאָלט קען דאָך יענעם אויך איינפאַלן די סברא, אַז אויב אַזוי איז וואָס איז די היילעניש? ! וויבאַלד אַז ס׳איז גענוג ״בשעתא חדא וברגעא חדא״ — איז דערווײלע ווערט ער זיך פירן כמקדם, און דערנאָך וועט זיין דער ״ואשוב״, וואָרום אויף דעם ״ואשוב״ דאַרף ער האָבן מערניט ווי אַ ״רגעא חדא״. און זעט דעם ביישפּיל אין דעם וואָס רעדט מיט אים !

וואָס אויף דערויף זאָגט מען, אַז דאָס איז ״נצח סלה ועד״. ביז ווי דער ביאור בזה פון דעם ענין: ווי אַזוי קען מען זאָגן ״נצח סלה ועד״ — ס׳איז דאָך מערניט ווי מכאן ולהבא ?

זאָגט מען אַ בעל-תשובה: תשובה האָט אין זיך דעם כח וואָס קיינער האָט דאָס ניט, אַחוץ אַ בעל תשובה.

וואָרום אַזוי איז דער כלל, אַז מה שעבר עבר. אַ איד איז אַ באַלעבאָס אויפן הוה. על אחת כמה וכמה אַז ער איז אַ באַלעבאָס אויפן עתיד, צו וועלכן ער קען זיך צוגרייטן. — דער הוה איז שוין און ער האָט קיין צייט ניט אויף שקלא וטריא וחשבונות והתבוננות, משא״כ בהנוגע לעתידו. בהנוגע אָבער צו דעם עבר — איז מה שעבר עבר.

זאָגט מען, אַז ס׳איז דאָ אַן אויסנאַם, אַ יוצא מן הכלל, און דאָס איז - אַן ענין פון תשובה, וואָס זי איז עוקר את הענין מעיקרו, ביז וואַנענט אַז זי מאַכט-איבער פון זדונות וואָס זיינען געווען בעבר — מאַכט זי פון זיי אויף זכיות.

וואָס דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק:

די זכיות האָט ער דאָך געטאָן במקום מסויים און אין זמן מסויים — איז ממשיך דער ״נצח סלה ועד״ ניט נאָר אויף מאן ולהבא, נאָר דאָס פועל׳ט אויך אויף זיין עבר, אַז אויך דעמאָלט האָט ער געטאָן זכיות.

ביז וואַנענט, אַז דער בית-דין שלמעלה מאַכט אַ חשבון — מאַכט ער דעם חשבון, אַז ביום פלוני וואָס איז געווען כמה שנים קודם שעשה תשובה, און מ׳דאַרף פאַרשרייבן

אין חשבון שלמעלה וואָס האָט ער דעמאָלט געטאָן — זאָגט תורת אמת, אַז מ׳דאַרף פאַרשרייבן, אַז ער האָט דעמאָלט געטאָן אָט די און די זכיות!

וואָס על דרך זה, כמדובר: דאָס איז ניט ענינים וואָס מ׳האָט דאָס איבערגעגעבן צו יחידי סגולה, נאָר ״הורנו מדרכיו ונלכה באורחותיו״, [וואָס דאָס איז דאָך אַ לשון פון ציווי און אויך אַ לשון פון הבטחה], אַז וויבאַלד אַז ס׳איז דאָ בהנוגע צו בוראם די הבטחה פון ״אל ידח ממנו נדח״ — איז על דרך זה אויך באַ ״צדיקים דומין לבוראן״,

וכידוע דער פתגם פון חסידים הראשונים, אַז אַ חסידישע קליאַמקע ווערט נישט פאַרפאַלן, [צי אַ חסידישער ברויט ווערט ניט פאַרפאַלן — ווי די נוסחאות בזה איז],

אַז וויבאַלד אַז מ׳האָט באַקומען און געהאַט, און דאָס איז געווען בכח פון ״מי יאמר לו מה תעשה״, פון ״צדיקים דומין לבוראן״ — איז אַ זיכערע זאַך, אַז ״אל ידח ממנו נדח״, און דאָס וועט עגבערן און דאָס וועט פועל זיין, ביז אין אַן אופן אַז ס׳וועט אויפנעמען די פעולה בשמחה ובטוב לבב.

און וואָס וועט דאָס פועל זיין? — דעם ״נצח סלה ועד״, אויך אויפן עבר.

און דורך וואָס איז דאָס? — בהנוגע צו דעם עבר זיין אייגענעם, וואָס ״ידע אינש בנפשי׳״ וואָס ער דאַרף פאַרריכטן,

וואָס דערצו איז דאָך דאָ דער סיוע, אַז בשעת ער באַווייזט וויפל ער טוט מיט אַ צווייטן, ביז וואַנענט ער האָט אויפגעטאָן אין דעם צווייטן, אַז באַ יענעם איז געוואָרן דער עבר נתהפך מן הקצה אל הקצה - אָט דאָס האָט ער די תביעה, ״אבירי לב״, ווי די גמרא איז מבאר בארוכה, אַז זיי קענען דאָס מאָנען, אַז ס׳זאָל זיין ״מדה כנגד מדה״ בנוגע צו זיין עבר.

וואָס דאָס איז אויך בכללות, און ביז אין אַן אופן פון הוראה פרטית, אין דעם אופן העבודה, ווי מ׳זעט אין מדרש, אַז די ״שה פזורה״, וואָס געפינט זיך אין מדבר, איז דאָרט איז פיקוח נפש ממש, וואָרום מ׳דאַרף דאָס פאַרהיטן פון די ענינים מבהילים:

ניט מ׳דאַרף פועל זיין ער זאָל ווערן אַ מהדר בהמצוות, אָדער מער מתמיד און שקדן אין לימוד התורה — נאָר מ׳דאַרף אים באַרוואָרענען אין אַן ענין וואָס פאָדערט — און ס׳ווערט — דער ענין פון תשובה כפשוטה, וואָרום עבר ופגם מיט די אַלע לשונות וואָס ס׳שטייט אויף דעם.

ס׳איז אָבער אויך דאָ דער ענין ווי מ׳האָט דורכגעטראָטן, ״הורנו מדרכיו ונלכה באורחותיו״, אויך ווי דער אַלטער רבי האָט דורכגעטראָטן די וועג בהנוגע צו אויך מיט שומרי תורה ומצוה, וואָס ער זיך האַלט זיך דאָך זיכער פאַר אַ שומר תורה ומצוה,

ובפרט נאָך, אַז ער האָט זוכה געווען און איז געווען דער תלמיד און מקבל און וויל פאָלגן דעם נשיא דורנו, דעם רבי'ן דעם שווער, דעם ממלא מקומו פון בעל ההילולא – דאַרף ער מיט זיך אויך פועל זיין דעם "לאתבא צדיקייא בתיובתא",

און האָט אין דערויף אויך די הבטחה פון "בל ידח ממנו נדח", אַז ער וועט קענען מקיים זיין די שליחות פון נשיא דורינו, ביז אין אַן אופן [פון] קיום השליחות בשלימותה.

וואָס אָט דעמאָלט האָט מען די "הנפש אשר עשו" אין אַלע דרגות, סיי אין "ישכר" סיי אין "זבולון", אָנהויבנדיק פון "ראשיכם" ביז "שואב מימיך" — סיי אין צדיקים און סיי אין בעלי תשובה,

און אָט דעמאָלט ווערט דער "קהל גדול יבואו הנה", אַז קיין און איינציקער איד בלייבט ניט חס ושלום אין אַ מעמד ומצב אין וועלכן ער איז געווען אַ רגע לפני זה, וואָרום מ'האָט אין אים גע'פועל'ט דער "מעלין בקודש" - אַז ער איז מהדר והולך ומוסיף באור,

און מ'גייט מקבל זיין פני משיח צדקנו, ובקרוב ממש, און אין אַן אופן פון "שמחת עולם על ראשם".

לחיים.

• • •

**שיחה ג:**

**כ.** מ'האָט דאָך גערעדט כמה פעמים וועגן תורת הבעל שם טוב, אַז פון יעדער פרט און פון יעדער ענין וואָס אַ איד הערט אָדער זעט איז דאָ אין דערויף אַ הוראה, במילא דאַרף ער די הוראה אַרויסגעפינען און אָפּלערנען פון איר בעבודתו לקונו,

על אחת כמה וכמה פון די קביעות פון פאַרשידענע מועדים און ימים מסוגלים, ימים מיוחדים, וואָס זיי בייטן זיך משנה לשנה. וואָס ס'איז דאָ אַזעלכע וואָס זיי בייטן זיך בנוגע צו קביעות בחודש, און דאָ אַזעלכע וואָס בייטן זיך בנוגע לקביעות אין ימי השבוע.

וואָס על דרך זה בהנוגע לכ"ד טבת, וואָס די קביעות פאַרבונדן מיט אַ יום קבוע בחודש טבת, כ"ד בו, וכמבואר בארוכה אויך אין דעם טאַטנ'ס בריוו די רמזים און די לימודים שבזה, ס'איז אָבער אַ שינוי משנה לשנה בנוגע צו אין וועלכן טאָג בשבוע - וועלן טאָג אין וואָך — דאָס קומט אויס. וואָס אין דערויף קען זיין כמה שינויים.

און בכל שנה ושנה איז דאַרף מען אָפּלערנען פון דעם יום בשבוע ווען ס'איז אויסגעקומען בשנה זו כ"ד טבת — נוסף אויף די הוראות משותפות וואָס ס'איז דאָ

בשוה אין כל השנים כולם דערפון וואָס דאָס איז כ״ד אין חודש טבת, ״חודש העשירי״, וואָס ״הגוף נהנה מן הגוף״, כמבואר אין דעם בריוו דאָרט בארוכה.

**כא.** וכמדובר אויך אין דערויף די הדגשה, אַז לערנען לערנט מען דאָס אָפּ בשנה זו במיוחד; די הוראה מזה איז דערנאָך דאַרף מען איר אויך נוצן על כל השנים שלאחרי זה,

ווי מ׳געפינט דאָך בכמה וכמה הוראות וואָס זיי שטייען בהדגשה אין אַ זמן מסויים, אָנהויבנדיק פון דעם ״ראשון לרגלים״, פון חמשה עשר בניסן, דער ענין פון יציאת מצרים, וואָס דעמאָלט שטייט דאָס בהדגשה און מיט אַ ״סדר״ וכמה מצוות וכו׳ —

דערנאָך ווערט דערפון נמשך די הוראה על כל הימים, כל ימי השנה, וואָס מ׳דאַרף דאָך זיין זכרון פון יציאת-מצרים בכל יום, ופעמיים ביום, און חג הפסח, חמשה עשר בניסן שבכל שנה, איז מוסיף מידי שנה בשנה נאָך מערער אין דעם ״מזכירין יציאת מצרים בימים ובלילות״. וכמדובר בארוכה כמה פעמים.

וואָס על דרך זה אויך בנוגע ליום זה.

**כב.** און אויך ידוע די תורה און די הוראה פון בעל ההילולא אויף ״לעבן מיט דער צייט״: אַז ס׳קומט אַ טאָג אין וואָך — איז צום אַלעם ערשטן דאַרף מען ״לעבן״ און אָפּלערנען בנוגע לעניניו פון דעם שיעור שבחומש, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט דעם טאָג,

וואָס וויבאַלד אַז ס׳איז חל ביום הרביעי פון פרשה וארא — דעם שיעור פון חומש פון רביעי ביז חמישי.

וואָס אין דערויף איז דאָ, במילא דאַרף מען געפינען, אין וואָס קען מען דערפון אָפּלערנען בהנוגע בכלל עבודתו, ובפרט צו די ענינים וואָס זיי זיינען פאַרבונדן און זיי זיינען דער צד-השוה פון כ״ד בטבת בכל שנה ושנה,

און אַרויסנעמען דאָס איז די לייכטעסטע וועג - לויט די הוראה פון בעל ההילולא, פון דעם שיעור חומש שבועי, פון רביעי ביז חמישי.

**כג.** וואָס דאָרטן רעדט זיך וועגן התחלה, ווי אַזוי משה ואהרן זיינען געקומען צו פרעה׳ן, און גערעדט וועגן יציאת מצרים פון יעדער אידן און אַלע אידן,

[וואָס קיין איין און איינציקער איד איז ניט געבליבן אין מצרים; ניט נאָר זיי — אפילו ״כספם וזהבם״, און ניט נאָר כספם וזהבם וואָס ס׳איז געווען בבואם למצרים — נאָר אויך אָט דאָס וואָס מ׳האָט איינגעקליבן אין מצרים, ״וילקט יוסף״ פון כל העולם כולו די ענינים פון כסף וזהב, די ניצוצי קדושה — איז דער ״וילקט יוסף״ איז דערנאָך געווען ״וינצלו את מצרים״, ״כמצולה שאין בה דגים וכמצודה שאין בה [דגן]״ -

אַרויסגענומען די אַלע ניצוצי קדושה וואָס ס׳איז געווען אין מצרים, ר״ב ניצוצי קדושה,

ווי דער אַלטער רבי זאָגט אין ״תורה אור״, אַראָפּגעבראַכט פון קבלה, אָבער ער ברענגט דאָס אַראָפּ, אַז דאָס איז דער רמז ״ו[גם] ערב רב עלה עמם״, אַז דאָס וואָס ס׳איז געווען פריער מעורב, וואָס דאָס איז געווען במספר ״רב״, ר״ב – איז ״עלה עמם״, דאָס האָבן די אידן אַרויס געגומען פון מצרים און מעלה געווען מיט זיך אַרויסגייענדיק פון מצרים.

וואָס דער גאַנצער ענין פון שבירת עולם התוהו איז געווען רפ״ח ניצוצין, איז ניט מ׳האָט אַרויסגענומען אַ מיעוט, אָדער אַ מחצה, אָדער אַ רוב קטן; פון רפ״ח האָט מען אַרויסגענומען צוויי הונדערט און צוויי. און ס׳איז איינגאַנצן געבליבן פ״ו, בגימטריא ״אלקים״, וכמדובר שם בפרטיות הענינים].

איז דער התחלת הסיפור בזה איז הויבט זיך אָן אין דער פרשה רביעי פון פרשה וארא, ווי אַזוי מ׳האָט אָנגעהויבן טאָן אין דערויף אין אַן אופן אַז ס׳איז אַרויסגעקומען בדיבור, וואָס ״עקימת שפתיו הוי מעשה״, און ס׳איז דערגאַנגען צו פרעה, וואָס ער איז געווען דער מלך מצרים,

און ס׳איז דערגאַנגען אין אַזאַ אופן צו אים - אַז דאָס האָט אין אים אויפגעטאָן, אַז ניט נאָר ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, רעדן וועגן דעם, נאָר אויך ער האָט דאָס אַראָפּגעבראַכט אין אַ מעשה בפועל,

ניט נאָר באַ זיך נאָר אויך באַ ״חרטומי מצרים״, וואָס ער האָט זיי גערופן און זיי האָבן געטאָן כמה וכמה מעשים – כדי צו דינגען זיך אָדער אָפּלייגן אָדער אָפּשטופּן אָדער וכו׳, וואָס זייער כוונה איז געווען בזה, ס׳איז אָבער אַראָפּגעקומען אין דיבור ומעשה פון ״ויבואו משה ואהרן״, און ס׳איז אַראָפּגעקומען אין מחשבה דיבור ומעשה אויך פון ״תחתונים״ – אין ״ערות הארץ״, אין מצרים.

דערנאָך האָט ער גלייך אָנגעזאָגט, אַז בשעת מ׳וועט בעטן דערנאָך אַן ״אות ומופת״, וואָס דאָס איז דער ענין פון דעם מטה שנהפך לתנין, און דערנאָך די ערשטע צוויי מכות – די מכה פון דם און די מכה פון צפרדע.

**כד.** וואָס דערמיט ענדיקט זיך דער שיעור פון יום רביעי, ווי אַזוי מ׳איז געקומען משה ואהרן, וואָס זיי זיינען דאָך געווען שלוחיו של הקב״ה בהנוגע צו גאולת כל ישראל, אין אַן אופן פון ״ונצלתם את מצרים״, פון מצרים, און זיינען שוין אַריינגעגאַנגען אין היכל פרעה און מ׳האָט אים אַזוי צורודערט - אַז ס׳האָט אין אים גע׳פועל׳ט במחשבה דיבור ומעשה שלו ושל ״חרטומי מצרים״.

דערנאָך האָט מען געזען, אַז מ׳דאַרף אָנקומען צו ״וידעו מצרים״,

ווי דער אַלטער רבי טייטשט אָפּ און פאַרענטפערט דערמיט די שאלה, אַז וואָס זאָגט מען, אַז דער תכלית פון די עשרה מכות וואָס זיינען געווען במצרים, איז דאָס כדי ס׳זאָל זיין ״וידעו מצרים״ – בשעת פון מצרים ״לא נותר מהם אף אחד״? לאחרי סיום היציאה, וואָס דאָס איז געווען באַ קריעת ים-סוף, אין שביעי של פסח.

און פאַרענטפערט, אַז דאָ איז דער אָפּטייטש פון ״וידעו״ מלשון ״וידע״, מלשון שבירה: אַזוי ווי מ׳האָט געזען, [אַז] אויף אַן אַנדערן וועג קען דאָס ניט זיין, סיידן דורך שבירה – איז דאָס געוואָרן דורך די עשר.

**כה.** וואָס אין דעם שיעור ווערט אַראָפּגעבראַכט מערניט ווי די ערשטע צוויי.

וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז בנוגע צו אַ הוראה איז דאָ אַ הוראה מיוחדת פון די ערשטע צוויי ענינים וואָס זיי זיינען, כאמור, די מכת דם און מכת צפרדע.

וואָס ס׳איז דאָך ״התורה בפירושה ניתנה״: אַז מ׳וויל וויסן וואָס מ׳דאַרף אָפּלערנען פון דם – דאַרף מען אַ קוק-טאָן ״בפירושה״ – אין תורה שבעל-פה.

**כו.** זאָגט ער אין מדרש אויף דעם ענין, אַז דאָס וואָס ס׳איז געווען די מכת דם - איז דאָס געווען ״מדה כנגד מדה״ [אין שמות רבה אין אליהו רבה ובכמה מקומות]:

אַזוי ווי די מצריים האָבן דאָך געוואָלט מלחמה האָבן מיטן ״פן ירבה״ און ס׳וועט [זיין] ״מלחמה ונוסף . . ועלה מן הארץ״, וואָרום ישראל איז ״פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד״, און זיי האָבן געזען, אַז דאָס איז פאַרבונדן וואָס בנות ישראל איז ״טובלות במים״,

האָבן זיי זיך מיישב געווען: ווי אַזוי קען מען דערמיט מלחמה-האָבן? – בשעת מ׳וועט סוגר זיין את המים. ס׳זאָל ניט זיין קיין מקוה׳ס רחמנא ליצלן. במילא אָט דעמאָלט ווייזט זיך אויס, אַז מ׳איז גאָר ניט קיין אכזרים, מ׳דאַרף ניט אָנקומען צו גזירות, וואָרום בנות ישראל איז ״גל נעול״ און ״גן נעול״, ווי ער איז מפרש אין מדרש, ובארוכה אויך אַראָפּגעבראַכט אין פשוטו של מקרא, אַז ״אחת היא ופרסמה הכתוב״, געווען פאַרבונדן מיט אָפּהיטן טהרת המשפחה –

האָבן די מצריים געפונען אַן עצה: זיי וועלן זיין פיינע מענטשן, מ׳וועט זיך גאָרניט מישן, מ׳דאַרף ניט אָנקומען צו גזירות פרעה, נאָר וואָס דען? – מ׳וועט סוגר זיין את המים, במילא וועט ניט קענען זיין דער נשי ישראל טובלות, און דערנאָך קומט דער ״פרו וישרצו״ –

האָט דער אויבערשטער אָפּגעצאָלט מדה כנגד מדה, אַז די ״מים אשר ביאור״, און די אגמים ובכל מקום שהם, איז געוואָרן אויס מים; ס׳איז געוואָרן ״ויהפכו לדם״.

**כז.** וואָס אָט דאָ זעט מען גלייך די הוראה:

כמדובר כמה פעמים, אַז ביאת משיח צדקנו – וואָס דאָס איז דאָך, כמדובר, דער תפקיד דורנו זה – איז פאַרבונדן מיט ״יכלו כל הנשמות שבגוף״.

נוסף על העיקר, אַז דאָס איז די ערשטע מצוה בתורה, [וואָס סדר אין תורה איז דאָך אויך ״תורה״ והוראה, און דאָס איז אַ סדר אין ״תורת חיים״ – הוראה בחיים], איז די ערשטע מצוה ״פרו ורבו״, ביז אין אַן אופן פון ״ומלאו את הארץ״.

און דעמאָלט איז אַ זיכערע זאַך, [און דאָס איז אויך אַ חלק פון דעם ציווי], ״וכבשוה״, אַז די אַלע חשבונות וואָס קומען מצד דעם ״ארץ״, מצד די ארציות וחומריות, [ווי דער אַלטער רבי טייטשט דאָס אָפּ אין אגרת הקודש פון ״גוי אחד בארץ״, אפילו אין עניני ארץ] – איז ״וכבשוה״: ער ״נעמט-איין״ אָט די אַלע חשבונות און ווערט אויף זיי אַ מושל ושולט,

**כח.** צי דאָס איז חשבונות וויפל געלט וועט דאָס קאָסטן, אָדער חשבונות וויפל טירחא דאָס וועט קאָסטן, אָדער חשבונות וויפל מיעוט הריווח דאָס וועט זיין, וואָס על ידי צער העיבור און צער הלידה וצער פון גידול בנים ובנות וכיוצא בזה, וועט מען דאָך ניט קענען הנאה האָבן פון לימוד התורה במנוחת הנפש אָדער פון קיום המצוות במנוחת הנפש, אָדער, אָט די וואָס טראַכטן אויך נאָך נידעריקער - אַז מ׳וועט ניט קענען הנאה האָבן פון עניני העולם, [טאַקע אין אַן אופן כשר, אָבער פון עניני ״רשות״, ניט ווי תורה ומצוותי׳],

ביז וואַנענט ער שטעלט-אויף אַ גאַנצע ״ארץ״, אַ גאַנצע השקפת עולם, וואָס זי איז אָבער אַ השקפת עולם ווי עולם איז ״ארץ״, ניט ווי ״שמים״.

וואָס ״עולם״ באַשטייט דאָך פון שמים וארץ, פון רוחניות און גשמיות, און ס׳דאַרף זיין דער סדר, בלשון הידוע, ״הגברת הרוחניות על הגשם״, ובלשון פון דעם אַלטן רבי׳ן אין פרק לב פון תניא: די נשמה עיקר און דער גוף טפל.

– מ׳מוז האָבן דעם גוף, וואָרום אָן דעם גוף חס ושלום קען מען ניט לערנען תורה און מקיים-זיין מצוות ווי ס׳דאַרף-צו-זיין.

– ס׳איז דאָ לימוד התורה אין גן עדן, נשמות בלי גופים; בשעת אָבער ס׳קומט צו אַ שקלא-וטריא און מ׳דאַרף מברר זיין אַ ספק – איז דעמאָלט מברר זיין אַ ספק דאַרף מען האָבן אַ נשמה בגוף, ווי דער אַלטער רבי זאָגט בסוף פון ספר התניא. וואָס דוקא דעמאָלט, ״אין שמחה כהתרת הספיקות״, איז דעמאָלט איז דער לימוד מיט דער מסקנא להלכה למעשה. וואָס פסקי הלכות איז די אַלע ענינים איז דאָס דוקא בארץ – על ידי נשמה ווי זי איז מלובש בגוף.

אַז ס׳קומט צוגיין אַ נשמה אָן אַ גוף למטה, וואָרום זי איז שוין למעלה מהתלבשות בגוף, אָדער אַ מלאך וכיוצא בזה – זאָגט מען אים, אַז דאָס איז אַן ענין וואָס ״אין

משגיחין בבת-קול": אַ בת-קול מלמעלה; בשעת ס'קומט [אָבער] צו פסק'ענען אַ הלכה – איז "אין משגיחין": ניט נאָר מ'רעכנט זיך ניט מיט דערמיט, נאָר מ'קוקט גאָרניט אין יענער זייט! וואָס דאָס איז דער אָפּטייטש פון "השגחה".

**כט.** בשעת אָבער ס'איז דאָ דער "וכבשוה", אַז מ'איז "כובש" די גאַנצע ארציות מיט די אַלע ענינים – אָט דעמאָלט ווערט דער "וכבשוה" בפשטות, אַז מ'נעמט-איין און מ'זעט, אַז די אַלע חשבונות זיינען ניט אויסגעהאַלטן בפשטות,

וואָרום "ברכת השם היא תעשיר", און בשעת ער מאַכט אַ גרעסערע כלי, וואָס די כלי אויף מקבל זיין ברכת השם איז דאָס קיום רצון השם, איז אַז ער מאַכט אַ גרעסערע כלי] – איז "מדה כנגד מדה", וואָס דער אויבערשטער "לא ברא הקב"ה דבר אחד לבטלה", און ס'קומט צוגיין אַ אידישע פרוי און אַ אידישער מאַן און באַווייזט דעם אויבערשטן, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ גרעסערע כלי, וואָרום זיי זיינען נתברך, געטאָן כל התלוי בהם אויף האָבן בנים ובנות עוסקים בתורה ובמצוותי' און הולכים בדרך הישר והטוב בעיני אלקים ובעיני אדם.

נאָר וואָס דען? – "ברכת השם היא תעשיר": ניט נאָר "מחסירו אשר יחסר לו", וויפל מ'דאַרף האָבן כדי צו מגדל זיין נאָך אַ אינגעלע מיט נאָך אַ מיידעלע, און מגדל זיין זיי מתוך הרחבה,

אַז אף על פי וואָס אַ ישיבה בעט אַזויפיל געלט, שלא בערך וואָס אין "פּאַבליק סקול" איז דאָס "חנם בלא כסף", און דאָ דאַרף ער צאָלן.

דערנאָך קומט נאָך צו די אַלע איבעריקע ענינים, וואָרום אָט דאָ דאַרף ער אים געבן אַ מאכל מיוחד, וואָרום ס'איז אַ ספק אויף די כשרות פון די "סענדוויטשעס" וואָס מגיט אים, און נעמען די "סענדוויטשעס" פון דער מלוכה איז גאָר לא קיימא לשאלה, וואָס דאָס קען ער באַקומען אומזיסט, אָדער האַלב פרייז.

איז זאָגט מען, אַז ניט נאָר אַז ברכת השם איז ממלא "מחסירו אשר יחסר לו", נאָר "ברכת השם היא תעשיר".

בשעת אָבער מ'וויל האָבן עשירות בגשמיות וברוחניות – דאַרף מען געבן כלים, וואָרום אויב "אין כלי" – "ויעמוד השמן".

און אָט דעמאָלט זעט מען, אַז דורך דעם "וכבשוה", אַז ער נעמט-איין זיין ארציות און אַלע חשבונות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט "ארץ".

**ל.** וואָרום אַז ער הויבט-אָן טראַכטן, אָדער זי הויבט-אָן טראַכטן, וואָס זאָגט איר נשמה, און זי ווייס, אַז דער אַלטער רבי האָט געזאָגט בפשטות, אַז אַ אידישע נשמה איז דאָס "חלק אלוקה ממעל", וואָס דאָס איז לשון הפסוק, און מוסיף: ממש! דאָס איז ממש אַן ענין פון ג-טלעכקייט אַליין.

במילא, אַז זי באַטראַכט זיך, און ער באַטראַכט זיך: וואָס זאָגט דער אויבערשטער צו די אַלע חשבונות, צי זיי האָבן ביי אים עפּס אַ תפיסת מקום, צי ער רעכנט זיך מיט זיי, און דערפאַר וועט ער אָפּהאַלטן חס ושלום [דעם] די מצוה ״פרו ורבו״, אָדער ניט.

איז באַ יעדער נאָרמאַלן מענטשן, וואָס ער טראַכט מיט אַ נאָרמאַלן שכל, [אפילו דער שכל פון נפש הבהמית; מ׳דאַרף ניט אָנקומען צו אמונה], אַז ער באַטראַכט זיך, וואָס טראַכט זיין נשמה, [וואָס זי איז אַ ״חלק אלוקה ממעל ממש״], אָדער איר נשמה, בהנוגע צו די אַלע חשבונות פאַרבונדן מיט ״ארץ״: וויפל געלט מ׳דאַרף האָבן, און וויפל טירחא מ׳דאַרף האָבן, און פון וואָס מ׳דאַרף זיך אָפּזאָגן במשך פון די נייען חדשים, און דערנאָך די עטלעכע חדשים פון יניקה, און דערנאָך צער גידול בנים, מיט די אַלע חשבונות האמורים לעיל –

לאַכט ער פון זיך אַליין, אָדער זי לאַכט פון זייך אַליין, אַז ס׳איז גאָר ניט שייך אין דערויף דַן זיין, מ׳זאָל האָבן אין דערויף אַ שקלא-וטריא, וואָס זאָגט אויף דערויף דער ״חלק אלוקה ממעל ממש״. אַז ס׳איז גאָר לכתחילה לא קיימא לכל חשבון ולכל שאלה.

**לא.** ער האָט דאָך אָבער אַ בלבול פון ״ארץ״ וואָס איז פאַרבונדן מיט חלל השמאלי שבלב, ווי דער אַלטער רבי זאָגט אין תניא בתחילתו – דאַרף מען האָבן דעם ״וכבשוה״.

און אָט דעמאָלט, אַז ס׳איז דאָ דער ״וכבשוה״,

און מ׳האָט אויף דערויף ״הקב״ה עוזרו״: ס׳איז ניט ער דאַרף האָבן ״כחי ועוצם ידי״, נאָר יעדער איד און אַלע אידן עד סוף כל הדורות, אפילו נאָך פאַר מתן תורה, זאָגט מען אויף זיי, אַז זיי זיינען ״מאמינים״, דאָס הייסט, בכח עצמו איז ער אַ מאמין, און האָט נאָך אויף דערויף ״בני מאמינים״ – ער האָט נאָך אויף דערויף דעם כח פון אמונה וואָס ער האָט געירש׳נט פון זיין פאָטער און פון זיין מוטער און פון זיין באָבע און פון זיין זיידן, אָדער פון איר מוטער און פאָטער און באָבע און זיידע.

איז אָט דעמאָלט גייט מען בשמחה ובטוב לבב, און מ׳פירט זיך אין אַן אופן [פון] מבטל זיין די גזירה פון די מצריים, אויף סוגר זיין את המים, כדי ניט צולאָזן חס ושלום צו דעם קיום מצוה זו, און דערנאָך פאַרלאָזט מען זיך אויפן אויבערשטן:

זייענדיק אין מצרים איז געווען ״פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאוד מאוד״, בפרט נאָך ווי רש״י איז דאָרטן מפרש, [וואָס דאָס איז דאָך ״פשוטו של מקרא״, כמדובר כמה פעמים.

**לב.** בדורנו זה זעט מען, אַז ס׳איז דאָ אַזעלכע וואָס דער אויבערשטער – מטעמים הידועים לו – ווייס, אַז זייער שלימות און זייער ענין איז – אויף האָבן אַזאַ און אַזאַ

מספר פון בנים; אַזאַ און אַזאַ מספר פון בנות, און האָבן זיי – בזמן המיוחד ובזמן המסוגל.

און וויסנדיק, אַז דער אויבערשטער איז עצם הטוב ו״מטבע הטוב להיטיב״ – איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז דער אויבערשטער קלייבט אויס די צייט וואָס איז אַמבעסטן פאַר דעם פאָטער און פאַר דער מוטער, ובעיקר – די בעסטע צייט פאַרן קינד וואָס ווערט דערנאָך געבאָרן.

און דערנאָך האָט דער אויבערשטער זיינע טעמים וואָס אַמאָל לייגט ער דאָס אָפּ, אַז דאָס זאָל קומען אין אַ משך זמן לאחרי זה.

וואָס ״בהדי כבשי דרחמנא למה לך״: אַ בשר-ודם, אַ נברא, קען ניט וויסן שכלו וטעמיו של הבורא, מ׳האָט אים אָבער געגעבן בחירה, ״ובחרת בחיים״: ער האָט די מעגלעכקייט פון חס ושלום דאָס אָפּהאַלטן.

– די מעגליכקייט ווען ס׳ווערט דער עיבור און ווען ס׳ווערט די לידה – אויף דערויף איז באַלעבאָס מערניט ווי דער אויבערשטער, און אויף דערויף האָט מען די הודעה פון תורת אמת, אַז דער אויבערשטער איז ״עצם הטוב״, און ״טבע הטוב להיטיב״, און דער אויבערשטער וויל ״אך טוב לישראל״, אַז יעדער אידן, סיי אנשים, סיי נשים און סיי טף, [כמודגש במיוחד בשנת הקהל], זאָלן האָבן דעם טוב בריבוי, ווי דער מדרש איז מאריך אין מדרש רבה פון מגילת אסתר, שלום בריבוי, טוב בריבוי, ברכה בריבוי – כמה ענינים טובים וואָס קומען בריבוי לישראל, צו אנשים ונשים וטף.

דער אויבערשטער האָט דאָך אָבער געוואָלט, אַז מ׳זאָל באַווייזן אַז מ׳געהערט צו ״עם חכם ונבון״, און מ׳זאָל זיין דער ריכטיקער ״שותף״,

וואָס די גמרא זאָגט דאָך אַ תואר נפלא, און זאָגט, אַז ס׳איז דאָ ״ג׳ שותפין״: אַז ס׳ווערט געבאָרן אַ קינד איז דאָ אין דערויף דריי שותפין. וואָס אַ ״שותף״ על פי הלכה איז אַ שותף. און ווער זיינען די דריי שותפין? – איז דאָס דער אויבערשטער, און דער פאָטער און די מוטער.

און פון די אַלע דריי צוזאַמען איז דאָ די מעגלעכקייט און ס׳ווערט דערנאָך געבאָרן אַ אידיש קינד, ווי דער אויבערשטער באַשטימט – אַן אינגעלע אָדער אַ מיידעלע,

און דערנאָך האָט ער אויך אָפּגעגעבן צו דער בחירה פון דעם אב ואם, אַז זיי זאָלן זיי מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

ו״ברכת השם היא תעשיר״: וויבאַלד אַז זיי האָבן אויסגעקליבן גיין אין דעם וועג, דרך הוי׳ ״אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו״ – איז אָט דעמאָלט ווערט דאָס אין אַן אופן פון עשירות. – נוסף אויף ״עשירות״ ברוחניות; עשירות בגשמיות כפשוטה.

**לג.** וואָס דאָס איז, כמדובר, בהנוגע לענינגו, צום לימוד מיוחד וואָס ס'איז דאָ פון די קביעות פון שנה זו, וואָס דאָס איז פאַרבונדן פון רביעי ביז חמישי אין "תורת חיים" און אין "תורת אמת",

אַז מ'זאָל וויסן זיין, אַז דער ענין פון דם איז דאָס איז שייך צו מצרַים, און – דעמאָלט ווען אַ מצרי וויל ניט מקיים-זיין דעם אויבערשטנ'ס רצון;

אַ אידן איז, איז בשעת ס'איז געווען דם אין ארץ מצרים – איז ביי אַ אידן געווען מים כפשוטם, ווי ער דערציילט אין מדרש, אַז מ'האָט געטרונקען ביחד פון דעם זעלבן כוס, צי פון דעם זעלבן מקום, פון דעם זעלבן מעיין אָדער אגם אָדער יאור – איז דער יהודי, דער איד, האָט געטרונקען מים.

די איינציקע זאַך אָבער וואָס דער אויבערשטער האָט אָפּגעגעבן צו אַ בחירה פון אַ איד, צו אנשים ונשים [און אויך צו טף, אויף וויפל ס'איז שייך בחירה באַ טף], אַז זיי קענען חס ושלום דאָס מונע זיין אָדער מעכב זיין.

און אויך, דאָס איז אויך מצד הטוב – כדי מ'זאָל באַווייזן, אַז מ'איז אַן "עם חכם ונבון",

**לד.** און אויב ס'איז טאַקע אַן ענין פון סכנת נפשות, רחמנא ליצלן, חס ושלום – גייט מען אַוועק צו אַ רב, וואָס ער קען פסק'ענען על פי הוראת תורת חיים, צי דאָס איז אָט דער פאַל.

וואָרום אַליין איז מען אַ "נוגע בדבר", במילא דאַרף מען וויסן וואָס זאָגט "תורת חיים", וואָס זי איז אויך "תורת אמת", און אויב ס'איז טאַקע אַזוי – איז אָט דעמאָלט איז, אדרבא – ווערט אַ הוראה פון תורה, אַז מ'זאָל דאָס אָפּלייגן.

אָבער ווער איז אין דערויף דער פוסק? - ניט אָט דער וואָס איז "נוגע בדבר", נאָר אָט דער וואָס ער איז ניט "נוגע בדבר", איז ער ניט קיין משוחד און ער ווייס וואָס תורה זאָגט בזה, און דעמאָלט זאָגט ער ניט קיין אייגענע מיינונג, חס ושלום; ער זאָגט די מיינונג פון תורה, וואָס דאָס איז די תורה "אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו".

און אָט דעמאָלט האָט מים, און מ'האָט די מקוה טהרה, און מ'איז מוסיף נאָך אַ בנין מקוה טהרה מיט אַלע הידורים ברוחניות, צוזאַמען מיט אַלע הידורים בגשמיות,

כידוע די מכתבים פון נשיא דורינו, פון רבי'ן דעם שווער, בזה, מיטן סיפור וואָס ער האָט איבערגעגעבן פון זיין פאָטער, ווי אַזוי מ'דאַרף זען אַז בנין המקוה און אַ מקוה זאָלן זיין מהודר ברוחניות, און אויך – און אַן עיקר גדול – אויך אין יופי חיצוני, "זה א-לי ואנוהו", "התנאה לפניו" בקלף יפה ובדיו יפה, מיט די אַלע פרטים,

בפרט אַז דאָס קען חס ושלום אָפּהאַלטן אַ אידן פון מקיים-זיין אָט די מצוה, על כל פנים פון מקיים-זיין איר בעיתה ובזמנה,

וואָס דערפאַר איז דאָך די השתדלות הכי גדולה געווען אַלעמאָל, און אויך איצטער, אויף אויספירן אויך דעם יופי חיצוני בכל האופנים האפשריים, כפי היכולת.

**לה.** און אָט דעמאָלט האָט מען די הבטחה פון "וידעו מצרים", אַז ס'ווערט בטל און צובראָכן די מדידות והגבלות וואָס אַ איד האָט די בחירה, אַז ער זאָל זיך אַליין מיצר זיין, דורך דערויף וואָס ער וועט זיך אַליין מגביל זיין און זיך אַליין באַגרעניצן אין באַקומען דעם אושר, דעם העכסטן גליק וואָס ס'קען זיין ביי אַ פאָטער און אַ מוטער, אַז ס'ווערט געבאָרן נאָך אַ קינד, און ער האָט נאָך נחת,

און דער נחת קומט ביי אים דוקא ניט אין אַן אופן פון "חינם" – אָן השתדלות, נאָר ער איז פאַרבונדן דערמיט וואָס ער האָט טירחה, און זי האָט טירחה, אין דעם גידול בנים ובנות – אָט דעמאָלט איז "לפום צערא אגרא", איז נאָך דער נחת נאָכמער טיפער און נאָכמער ברייטער און נאָכמער רייכער, ווי פון אַן ענין וואָס מ'באַקומט אָן קיין השתדלות און אָן קיינע ספיקות און אָן קיינע בלבולים,

און אָן דעם בלבול — וואָס וועט זאָגן די שכנה וואָס לעבט אין אַ דירה איבער'ן סטריט, איבער'ן גאַס, צי זי וועט זאָגן אַז דאָס איז אויסגעהאַלטן לפי כללי המאָדע, אָדער ס'איז ניט אויסגעהאַלטן לפי כללי המאָדע.

וואָס די התחלה בזה הויבט זיך אָן, אַז ער באַטראַכט זיך, אַז ער האָט "חלק אלוקה ממעל ממש", און דאָס איז זיין עיקר, במילא איז צום אַלעם ערשטן דאַרף מען וויסן און פרעגן: וואָס זאָגט דער "חלק אלוקה ממעל ממש" — איז דערנאָך בדרך ממילא ווערט דער "וכבשוה" פון דעם חלל השמאלי, [און] "וכבשוה" פון דעם גאַנצן ארץ,

וואָס אָט דעמאָלט ווערט דער ענין פון "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה" אין פשוטו של מקרא, אַז מ'נעמט-איין די אַלע ענינים גשמיים, אַז זיי ווערן ביי אים באַדינער:

טאָמער דאַרף ער האָבן מערער געלט — האָט ער מערער געלט; דאַרף ער האָבן אַ גרעסערע דירה, וואָרום ס'איז געבאָרן געוואָרן נאָך אַן אינגעלע און נאָך אַ מיידעלע — גיט אים דער אויבערשטער אַ גרעסערע דירה; דאַרף ער האָבן נאָך מלבושים, [און מלבושים יפים, וואָרום ס'ווערט געבאָרן אַ שיינער קינד דאַרף מען האָבן שיינע לבושים פאַר אים] — גיט ער אים [די] מעגליכקייט [צו] קויפן שיינע לבושים.

ועוד והוא העיקר, אַז ס'ווערט קינדער וואָס זיי זיינען מוצא חן "בעיני אלקים ואדם".

וואָס דאָס איז די הוראה פון דעם ענין וואָס פון מים קען מען נוצן מים אין אַן אופן, אַז דאָס זאָל ברענגען קינדער לעולם, און דערנאָך חס ושלום — דער ענין ווי ס׳איז געווען ״וידעו מצרים״, וואָס דורך דערויף האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו דעם ענין.

וואָס דאָס איז שייך בהנוגע צו מצרים, צו ניט-אידן;

בהנוגע צו אידן איז דאָך דער אויבערשטער האָט דאָך געדולד און מאריך אף און חס ושלום ניט מעניש, און וואַרט אַז ס׳איז אַ זיכערע זאַך ״אל ידח ממנו נדח״, און דערווײַלע גיט ער על החשבון אַז זיכער וועט מען תשובה טאָן, גיט ער די כל הענינים הדרושים,

כהנהגה פון דעם בעל שם טוב, און דערנאָך די נשיאים שלאחריו, אַז צום אַלעם ערשטן האָט מען אידן געגעבן גשמיות בהרחבה, און דערנאָך איז דאָס געוואָרן אויך און האָט דערנאָך געבראַכט צו פועל זיין אויף אידן אויך ברוחניות.

און בשעת ס׳איז דער מאריך, דער אויבערשטער פאַרלענגערט די צייט, דאַרף מען אָבער זיין אַן ״עם חכם ונבון״ — אויסניצן די צייט אויף ענינים כדבעי.

**לו.** און ניט טראַטן, אַז ווײַבאַלד אַז ס׳איז דורכגעגאַנגען אַזאַ זמן, און ס׳איז געגאַנגען אַלץ כדבעי, און מ׳האָט הנאה געהאַט פון עניני הרשות וכיוצא בזה, על אחת כמה וכמה אויב מ׳האָט נאָך אויסגענוצט די צייט אויף לימוד התורה וקיום מצוותי׳ — איז געווען אַ הנהגה פון בן עזאי, וואָס ער האָט געזאָגט ״דיו לעולם״ וכו׳ וכו׳,

אָבער די הנהגה ניט פון בן עזראי, הנהגה פסק-דין אין שולחן ערוך, איז דער ענין אַ פסק-דין ברור: ס׳דאַרף זיין לימוד התורה בהתמדה ושקידה, ס׳דאַרף זיין קיום המצוות בהידור, און ס׳דאַרף זיין אַ זהירות ניט פאַרנוצן אַ צווייטנ׳ס געלט, מערניט ווי בויען ענינים אויפן חשבון פון אייגענע געלט,

מ׳האָט אָבער אויף דערויף דעם משל בדוגמא ווי די גמרא זאָגט אין סוף כתובות, אַז ס׳איז אַ דוגמא פון עור הצבי,

וואָס ביי אַ הירש [וואָס אין התחלה פון שולחן-ערוך מאָנט מען באַ יעדער אידן ער זאָל זיך גלייכן צו אַ הירש׳ן], זאָגט מען, אַז ביי אַ הירש איז דער סדר, ניט ווי ביי אַנדערע חיות, אַז ס׳איז דאָ דער עור, וואָס ״עור״ — דער פעל — איז דאָך אַ דבר המגין און באַוואָרנט מיט כמה ענינים,

איז ביי אַ הירש איז דער סדר, אַז בשעת ער איז מוסיף אין בשר וואָס דאַרף האָבן הגנה — קומט בדרך ממילא צו אין די ענינים הטפלים, וואָס דאָס איז דער עור הצבי

און דערנאָך זאָגט די גמרא, אַז אַזוי איז געווען אין ארץ הגשמית בשעת ס׳איז געווען ארץ ישראל כתיקונה, איז אַזוי איז געווען בפשטות אין דער מדידה והגבלה פון ארץ ישראל,

וואָס זי איז אַלעמאָל געווען ארץ ישראל לגבולותי׳ — במדידה והגבלה, מיט גבולותי׳, אָבער גבולותי׳ חס ושלום עפּעס אָפּגעבן,

דערנאָך איז די גמרא דערציילט אַ מעשה ווי ס׳איז געווען בפועל וואָס מ׳האָט געמאָסטן, האָט מען געמאָסטן, בשעת ס׳איז צוגעקומען נאָך אידן — איז צוגעקומען אין שטח הגשמי פון ארץ ישראל.

צוליב וואָס דערציילט דאָס די גמרא אידן וואָס געפינען זיך אין גלות, וואָס שוין בשעת הגמרא איז שוין אויך געווען נאָך אָט דעם זמן?

איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז אָט די אפשריות האָט מען אויך איצטער, נאָר איצטער איז דאָס אין אַן אופן פון ״אותותינו לא ראינו״: ס׳איז דאָ ״אותותינו״, נאָר וואָס דען? — דאָס איז אין אַן אופן פון ״לא ראינו״, ״אין בעל הנס מכיר בניסו״.

**לז.** ויש להאריך בזה, אָבער בכל אופן, בהנוגע לענייננו איז אויך וואָס ״מצוה גוררת מצוה״:

וויבאַלד אַז מ׳דערמאָנט וועגן דעם ענין פון טהרת המשפחה, דער ״מבצע״ פון טהרת המשפחה,

[וואָס דערפאַר איז כאמור דאַרף דאָך זיין די מקוות, און דאַרף זיין פתוחות ווען נאָר מ׳דאַרף דערצו אָנקומען, אָן הגבלות בזה,

און אין אַן אופן אַז ס׳זאָל זיין אַ מקוה יפה ברוחניות, און אַ מקוה יפה בגשמיות, ביז בגשמיות כפשוטה — בדוגמא פון לשון הגמרא ״קלף יפה, דיו יפה״, על דרך זה בהנוגע צו כותלי המקוה און די מים שבמקוה, מיט אַלע פרטי הדברים שבזה, אפילו אויך דער פרוזדור און דעם אופן ווי אַזוי מ׳גייט אַריין אין בנין המקוה],

איז ״מצוה גוררת מצוה״ — דערמאָנען בנוגע לשאר המבצעים,

אָנהויבנדיק פון דעם מבצע פון אהבת ישראל, וואָס דאָס איז דאָך מקושר בכל האמור לעיל, וכתורת פון דעם בעל ההילולא, פון דעם אַלטן רבי׳ן, אַז דער ענין פון ״ואהבת לרעך כמוך״ איז ״חד הוא״ מיט דעם ענין פון ״ואהבת את הוי׳ אלקיך״, וואָס דאָס איז דאָך ״שורש ומקור לכל מצוות עשה״, ווי דער אַלטער רבי זאָגט אין תניא,

וואָס מצות-עשה איז דאָך אויך כולל די מצות יראת השם, וואָס זי איז דער ״מקור ושורש לכל מצוות לא-תעשה״, ווי דער אַלטער רבי זאָגט אין תניא, און בפרט ווי ער איז מבאר בארוכה אין פרק ״לב״ שבתניא וועגן דעם ענין פון אהבת ישראל.

וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט מבצע חינוך – אויף מחנך זיין כל אחד ואחת בישראל אויף וועלכע ער קען משפיע זיין, אָנהויבנדיק פון חינוך עצמו,

וואָס דערפון קומט דערנאָך אַראָפּ אין די מבצעים כלליים, [וואָס זיי זיינען אויך פרטים פון שני מבצעים אלו] – דער ענין פון מבצע תורה, און מבצע תפילין, און מבצע מזוזה, און מבצע צדקה, ו"בית מלא ספרים – יבנה וחכמי'", און דער מבצע פון כשרות האכילה ושתי',און דער מבצע פון נרות שבת קודש, [אויך כולל יום-טוב וואָס "איקרי שבת", "ממחרת השבת"], און דער מבצע האמור לעיל, ווי מ'האָט גערעדט פריער בארוכה, פון טהרת המשפחה.

און דאָס ברענגט אַלץ בקרוב ממש צו "יפוצו מעינותיך חוצה" ו"אתי מר" דא מלכא משיחא – די גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו,

וואָס דעמאָלט וועט זיין "כימי צאתך מארץ מצרים" - וועגן וועלכע ס'רעדט זיך אין פרשת שבוע זו – "אראנו נפלאות" בקרוב ממש, בגאולה האמיתית והשלימה.

לחיים.

• • •

**שיחה ד:**

**לח.** ס'איז דאָך אויך דאָ נאָך אין דעם שיעור חומש, בהנוגע צו דעם ענין פון "מטה" שנהפך ל"תנין", און אויך דער ענין פון צפרדע – וואָס דאָס וועט מען לאָזן, בלי נדר, אויף די התוועדות וואָס קומט בהמשך לזה, אין דעם שבת, וואָס דער "טרח בערב שבת" איז "יאכל בשבת" – דער שבת מברכים פון חודש שבט, וואָס נקודתו איז דאָך עשירי בחודש, וואָס "יהי' קודש" – דער יום הילולא פון נשיא דורינו,

ובפרט בהנוגע צו צפרדע, וואָס ער זאָגט אין מדרש אַ דבר נפלא, אויך אין שמות רבא במקומו, אַז דאָס איז וואָס ס'שטייט אַז "יתרון ארץ בכל הוא", און איז מסיים, אַז דערפאַר האָט מען געזען, אַז אויך צפרדע, וואָס לכאורה איז דאָס אַן ענין וואָס מ'פאַרשטייט ניט וואָס ס'איז אין דערויף די תועלת – איז "יתרון ארץ בכל הוא", אויך אין דעם ענין פון צפרדע, וואָס לולי די צפרדע – זאָגט דער אויבערשטער – ווי אַזוי וואָלט מען געקענט מכה זיין – נוגף זיין – את מצרים.

וואָס לכאורה, צפרדע [איז] איינע פון עשר מכות, וואָס ניט מיט איר האָט זיך אָנגעהויבן ניט מיט איר האָט זיך געענדיקט, און מ'זאָגט אויף דערויף, אַז ס'איז "מדה כנגד מדה", און דערנאָך איז "יתרון ארץ בכל הוא":

״מדה כנגד מדה״ - אַז דאָס וואָס די מצרים האָבן פאַרנומען אידן אויף פאַנגען פאַר זיי שקצים ורמשים, איז געווען דער ״מדה כנגד מדה״ אַז מ׳האָט אויף זיי אָנגעשיקט די שקצים ורמשים – די צפרדע.

און דערנאָך דער סיום וחותם הענין, און אויך פאַרבונדן מיט התחלת הענין - אַז ״יתרון ארץ בכל הוא״, דער יתרון פון צפרדע, וואָרום לולי צפרדע ווי אַזוי וואָלט מען געקענט נוגף זיין - מכה זיין – את מצרים.

וכפי שיתבאר בלי נדר אין די התוועדות פון שבת שלאחרי זה.

**לט.** דאָס אָבער וואָס מ׳וויל נאָך איצטער מבאר זיין, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט די שבת שלפני זה, וואָס בחודש איז דאָס געווען דער יום העשרים בחודש, וואָס דאָס איז דאָך ״מיני׳ מתברכין כולי יומי״, די ימי השבוע שלאחרי זה, כולל אויך דער יום הכ״ד בטבת.

ויש לומר אַ שייכות מיוחדה צווישן כ״ף טבת און כ״ד טבת, וואָס זי ווערט אַרויסגעבראַכט במיוחד ווען כ״ף טבת איז אין אַ שבת שלפני כ״ד טבת, וואָס דעמאָלט זאָגט מען בפירוש, אַז ״מיני׳ מתברכין כולי יומי״, אויך כ״ד טבת.

אויך אין דעם ענין וואָס אַזוי ווי ס׳איז דאָ דער יום הפטירה וההילולא כ״ד טבת, פון דעם אַלטן רבי׳ן – על דרך זה איז כ״ף טבת איז דער יום הפטירה פון דעם רמב״ם.

וואָס ס׳איז דאָ איין דיעה, אַז די פטירה פון דעם רמב״ם איז אויך געווען כ״ד טבת, ווי ער זאָגט אין ״צמח דוד״ - אָבער מ׳פרעגט דאָס אָפּ, אַז בשעתו האָט ער נאָך ניט געהאַט די ידיעות ברורות, וואָס דער נכד הרמב״ם ובנו של הרמב״ם שרייבן בפירוש, אַז די פטירה פון דעם רמב״ם איז געווען בעשרים בטבת.

וואָס די שייכות פון דעם אַלטן רבי׳ן מיטן רמב״ם איז דאָך מובן ופשוט פון כמה סיפורים און פון כמה ענינים,

נוסף אויף דערויף וואָס יעדערער פון זיי איז דאָך געווען אַ נשיא בדורו, און יעדערער פון זיי איז געווען אַ פוסק בדורו, וואָס לאורו איז מען געגאַנגען בימיו ובזמנו, און דערנאָך גייט מען ״בדרכיו אשר הורנו ונלכה באורחותיו נצח סלה ועד״ אין די דורות שלאחרי זה, וואָס דאָס זעט מען דאָך סיי באַ דעם רמב״ם און סיי באַ דעם אַלטן רבי׳ן.

דערנאָך געפינט מען אַ שייכות מיוחדת ומודגשה, וואָס בשעת מ׳זאָגט ״רמב״ם״, איז צום אַלעם ערשטן ביי אַ אידן, וואָס אַ איד איז דאָך פאַרבונדן מיט תורה, און זוכט יעדער ענין ווי שפיגלט זיך דאָס אָפּ אין תורה – איז בשעת מ׳דערמאָנט דעם רמב״ם, איז ניט מ׳פרעגט זיך נאָך לכל לראש וועגן זיין עסקנות ציבורית און הפצת היהדות ו״להעמיד הדת על תילה״, [וואָס אין דערויף האָט ער דאָך אויפגעטאָן מעשים נפלאים

ונצורות עד בלי קץ], בשעת אָבער מ'פרעגט אַ אידן אַ בן תורה, על אחת כמה וכמה אַ ישיבה-בחורה, "הלומד תורה בקטנותו" – ווייס ער ניט וועגן אָט די אַלע פרטים; ער ווייס אָבער אַ דבר ברור וועגן די ספרים פון דעם רמב"ם.

וואָס די ספרים פון דעם רמב"ם איז דאָ כמה וכמה ספרים; אָט דאָס וואָס זיינען מפורסם לכל וידוע לכל – איז דאָס דער "רמב"ם", ווי ער ווערט אָנגערופן דער ספר בפשטות" אַז מ'זאָגט "רמב"ם" מיינט מען דאָס דעם "משנה תורה להרמב"ם", דער "יד החזקה".

דערנאָך גיט מען אַ פרעג: וואָס טוט זיך בנוגע צו עבודת התפילה, צו השקפות עולם בנוגע צו ענינים פון רגש שבלב – כאַפּט מען זיך ענין פון [ספרו] "מורה הנבוכים". אָדער ווי ער [=הרמב"ם] ווערט אָנגערופן ביז דורנו זה בפשטות "מורה נבוכים",

און ערשט דערנאָך ווייס מען פרטים, אַז צו ספר "יד החזקה" איז דאָ די הקדמה פון ספר המצוות, דערנאָך איז דאָ כמה אגרות פון דעם רמב"ם, ושאלות ותשובות מהרמב"ם וכו',

אָבער אַז מ'זאָגט "רמב"ם" – איז צום אַלעם ערשטן דערמאָנט מען זיך תורתו בספרו, ביז וואַנענט אַז דער ספר ווערט אָנגערופן סתם: "רמב"ם". און דער צווייטער ספר "מורה נבוכים".

אַז מ'זאָגט דעם "אלטן רבי'ן", [אָדער ווי מ'פלעגט אים רופן און ווי מ'רופט אים אין פוילן "דער רב"] – דערמאָנט מען זיך לכל לראש וואָס איז זיינע ספרים? – שולחן ערוך און דער תניא.

וואָס מ'דאַרף דאָך ניט האָבן קיין ביאור ופירוש, ווי אַזוי דער שולחן-ערוך איז דאָס בהתאם צו "הלכות הלכות", וואָס דאָס איז דער ספר הרמב"ם, און דערנאָך ווי אַזוי דער ספר התניא, ווי דער אַלטער רבי אַליין איז מבאר אין דער הקדמה און אין "אגרת המלקט" – ווי אַזוי דאָס איז די נתינת עצות צו אָט די וואָס שטייען בספיקות און זיי זיינען "נבוכים" וכו'.

וואָס ס'איז דאָך דאָ אַ המון ענינים פון תורה שבעל-פה פון דעם אַלטן רבי'ן; מ'רעדט דאָך אָבער בהנוגע צום רמב"ם, צו תורתו שבכתב וואָס נתפרסמו בכתב תיכף ומיד – איז דאָס אָט די צוויי ספרים: דער ספר הרמב"ם און דער ספר פון "מורה נבוכים", און בהנוגע צו דעם אַלטן רבי'ן – דער ספר השולחן-ערוך,

וואָס אף על פי אַז ער איז געדרוקט געוואָרן נאָך דער הסתלקות פון דעם אַלטן רבי'ן; ער איז שוין אָבער געווען בכתב, און געווען בכתב על ידי פון דעם אַלטן רבי'ן עצמו,

[ניט ווי די מאמרי חסידים וואָס [ס'זיינען] געשריבן געוואָרן על-ידי "מניחים", די וואָס האָבן געמאַכט די "הנחות", אפילו אָט די וואָס זיינען געווען נאמנים ביותר –

דאָס איז אָבער בנוגע צו דעם אַלטן רבי'ן יצא מפיו אין אַן אופן פון "תורה שבעל פה", און געבליבן אַזוי מצידו,

דערנאָך איז דאָס פאַרשריבן געוואָרן דורך דעם מיטעלן רבי'ן, דורך דעם צמח צדק, דורך זיין ברודער, און דורך די "מניחים", ר' פנחס משקלאָוו וכו'].

על דרך זה איז אויך ביים רמב"ם איז דאָך מובן, אַז ס'איז געווען כמה הוראות בעל פה,

אויך מובן, אַז בנוגע צו די אגרות, וואָס זיי זיינען געווען טאַקע בכתב – ס'איז אָבער געווען ניט אין אַן אופן מפורסם.

וכמדובר: אַז מ'דערמאָנט רמב"ם – פאַרבינדט מען דאָס אין תורה מיט צווי ספרים שלו: "רמב"ם" און "מורה נבוכים". און אַז מ'זאָגט דער אַלטער רבי, פוסק בנגלה דתורה – שולחן-ערוך; פוסק בנסתר דתורה – ספר התניא. און ווי נשיא דורנו איז מדגיש און מבאר בארוכה, אַז דאָס איז דער "תורה שבכתב" פון תורת החסידות.

- אף על פי וואָס ס'איז דאָ דער "תורה אור", און דערנאָך דער חלק שני שלו, וואָס איז דערנאָך אַ נאָמען געגעבן "לקוטי תורה", [ווי נשיא דורנו איז מבאר בארוכה די השתלשלות הענינים], מיט די המון מאמרים וואָס איצטער איז זכה דורנו דוקא און מ'האָט אָפּגעדרוקט אַ ריבוי מאמרים וואָס זיינען ביז איצטער געווען מערניט באַ יחידים, אָדער מערניט ווי באַ יחידי סגולה, והולך ומוסיף באור – זיי ווערן "תורה שבכתב", און זיי זיינען נאָכמער מוסיף אין "יפוצו מעינותיך חוצה", מיט די אַלע ענינים וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן.

**מ.** וואָס אין דערויף איז דאָ נאָך אַ קשר מדוייק יותר:

אַז מ'גיט אַ קוק [אין] דעם שולחן-ערוך פון דעם אַלטן רבי'ן, ובפרט די מהדורא תנינא שלו,

וכידוע, אַז אויך אין ספר הרמב"ם איז געווען כמה מהדורות. וואָס דער רמב"ם אַליין האָט געהאַט אַ מהדורא קמא, דערנאָך איז דאָ וואָס ס'איז געווען מהדורה שני', און ס'איז דאָ ענינים וואָס ס'איז גאָר געווען דערנאָך אַ מהדורא שלישית,

ווי מ'זעט דאָס אויך אין כתב-יד הרמב"ם ווי ס'איז דאָ ענינים וואָס ער אַליין האָט אויסגעמעקט נאָך אין דער מהדורא זו עצמה, און האָט צוגעשריבן אַ נוסחא אחרת, און דערנאָך אויך ווי דער רמב"ם אַליין שרייבט אין זיינע אגרות, אַז דאָס איז געווען וואָס מ'האָט געפרעגט שאלות אויף ענינים וואָס ער האָט געשריבן אין רמב"ם, און ער האָט געענטפערט, אַז דאָס איז געווען די "משנה ראשונה" שלו, און דערנאָך האָט ער דאָס איבערגעטראַכט און זיך מתבונן געווען און האָט דאָס משנה געווען, און די מסקנא איז געווען באופן כך וכך.

איז די "מסקנא", מהדורא אחרונה, פון דעם ספר הרמב"ם איז – הויבט זיך אָן "יסוד היסודות ועמוד החכמות", אַז מ'זאָל וויסן זיין אַז "כל המציאות" איז "נמצא מאמיתת המצאו", ווי ער איז דערנאָך מאריך בארוכה.

שרייבט דער נכד הרמב"ם און מפרשי הרמב"ם, פאַרוואָס איז די התחלה "יסוד היסודות ועמוד החכמות"? – איז דאָס בכוונה פון דעם רמב"ם, וואָרום דער ראשי-תיבות דערפון איז שם הוי'.

וכדרך הרמב"ם, ובפרט בספרו הרמב"ם, [שרייבן] עניני "הלכות הלכות" – קומט דאָס אין אַ ראשי-תיבות, וואָרום די "הלכה" שבדבר , [און די הלכה וואָס זי איז אַ "יסוד היסודות ועמוד החכמות" פון אַלע הלכות שלאחרי זה], איז דאָס דער "יסוד" און דער "עמוד", אַז מ'זאָל וויסן זיין – "לידע" - אַז אַלע מציאות איז "נמצא מאמיתת המצאו וכו'", מיט די גאַנצע אריכות הביאור שלאחרי זה.

אַז מ'גיט אַ קוק די התחלה פון מהדורא תנינא פון שולחן-ערוך – הויבט זיך אָן בשינוי פון מהדורא קמא, מיט די ווערטער "יהודה בן תימא אומר".

זאָגט די גמרא אין סוטה, אַז אין "יהודה" שטייט דער שם הוי', נאָר וואָס דען? – נאָך מיט אַ תוספת, אַ דל"ת. און ווי די גמרא איז דאָרט מאריך בארוכה.

און וואָס דאָס איז די מהדורא תנינא, מהדורא אחרונה, ווי דער אַלטער רבי האָט דאָס אַליין געשריבן, און האָט משנה געווען און מוסיף געווען, ניט ווי אין דער מהדורא קמא, אַז ס'הויבט זיך אָן פון ["יתגבר כארי"], נאָר ס'הויבט זיך אָן פון "יהודא [בן תימא אומר הוי עז כנמר וקל כנשר רץ כצבי וגיבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים]" – וואָס דאָס איז בדוגמא פון "יסוד היסודות ועמוד החכמות".

וואָס וואָס שטייט נאָך דערויף? - אַז "לידע", אַלע דברים נמצאים איז "נמצאו מאמיתת המצאו";

וואָס ברענגט מען אַראָפּ די הלכה וואָס "יהודא בן תימא אומר", וואָס קומט דערפון אַרויס די הלכה? - אַז בשעת ס'איז דאָ אַ "נמר", איז [דאָס] כדי אַ איד זאָל זיין אַן "עז כנמר".

[און דאָס אויסנוצן – ווי ער איז דערנאָך ממשיך – ניט אויף שאר ענינים, וואָס ס'קען גאָר ווערן אַ "טבע בנפשו" טויג דאָס ניט; ער זאָל דאָס אויסניצן אויף "שויתי הוי' לנגדי תמיד", ווי [ער איז] דערנאָך ממשיך. [וואָס דאָס איז דאָך אויך דער דיוק "שויתי – דוקא הוי'" – דער שם הוי'].

ועל דרך זה ווי "נמר" – על דרך זה באַ צבי, און ביי אַרי און ביי אַ נשר.

מיט נאָך כמה ענינים שבדומה לזה.

און בכללות אָט דער ענין וואָס דאָס איז דאָך וואָס מ׳זאָגט, אַז דאָס איז ״ספר המדע״, וואָס דער רמב״ם האָט דאָך אַזוי אַ נאָמען געגעבן דעם ערשטן חלק פון ספרו הרמב״ם, וואָס ס׳איז פאַנאַנדערגעטיילט אויף פערצן ספרים, און דער ערשטער ספר איז ספר המדע – וואָס דאָס איז דאָך דער ענין פון חב״ד.

וואָס חב״ד איז דאָך די הדגשה אויף מדע, נאָר אַ ״מדע״ וואָס איז פאַרבונדן מיט תורה.

און דער פלא בזה איז נאָך מערער:

דער אַלטער רבי [איז] מבאר בארוכה, און די נשיאים שלאחרי זה מיט נאָך מער ביאור ואריכות, ווי אַזוי אין חב״ד עצמו – ווי אַזוי דער עיקר איז, אַז דאָס זאָל אַראָפּקומען אין דעת, וואָס ערשט דעמאָלט איז ווערט די חכמה בשלימותה און בינה בשלימותה – בשעת ס׳איז דאָ דער ענין פון ״מדע״, דער ענין פון דעת.

און ברענגט אויך גלייך דערנאָך דער רמב״ם בהמשך לזה, אין פרק שני, ״כיצד יבוא לאהבתו וליראתו״? – און זאָגט דאָרטן ״כשיתבונן״ – וואָס דאָס איז דער ענין פון בינה, ״בחכמתו״ – וואָס דאָס איז דער ענין פון חכמה, און דערנאָך ״לידע״ – וואָס דאָס איז דער ענין פון דעת,

נאָר כדרך הרמב״ם, אַז די ענינים וואָס איז פאַרבונדן בתורת הסוד – איז שרייבט ער זיי ברמז, און דעם ספר שרייבט ער בגלוי ענינים פון ״הלכות הלכות״.

מיט נאָך כמה ענינים שיש להאריך בזה, נאָר אין הזמן גרמא.

**מא.** על דרך זה בהנוגע צו ״מורה נבוכים״ און דעם ״תניא״.

וואָס אף על פי וואָס לכאורה אין תניא ברענגט ער אַראָפּ כמה ענינים פון רמב״ם - אָבער פון ספר ה״רמב״ם״, ניט פון ״מורה נבוכים״. אָבער די ענינים שטייען דאָך און זיינען אויך נתבאר אין ״מורה נבוכים״.

און דערנאָך, כמדובר די ״אגרת המלקט״ איז, אַז דער תניא איז – כדי ס׳זאָל זיין די עצות צו אָט די אַלע וואָס שטייען אין ספיקות, ובלשון הרמב״ם – וואָס זיי זיינען ״נבוך״ וואָס צו טאָן און ווי אַזוי צו טאָן, אָדער ווי אַזוי צו לערנען און ווי אַזוי צו פאַרשטיין די ענינים בתורה, [וואָס דאָס איז דאָך בפשטות דער ענין פון ספר ״מורה נבוכים״], און דאָס איז דער ליקוט פון די עצות פון דעם מלקט אין ״ליקוטי אמרים״, וואָס נקרא על שם התחלתו: ״ספר התניא״.

און דערנאָך קומט נאָך צו דער דיוק נאָכמערער:

ס׳איז דאָך דאָ די ״אגרת המלקט״ וואָס דאָס קומט אַלס אַ הקדמה און אַלס אַ פתיחה פון דעם אַלטן רבי׳ן צו דעם ספר התניא, ווי ער איז דערנאָך מסיים, אחרי האריכות

הביאור, אַז אין שכלו פון איינעם גלייך צו אַ צווייטן וכו' - אַז דערפאַר שרייבט ער דאָס בכתב, און דאָס איז דאָס וואָס ער האָט געענטפערט פריער בעל-פה וכו', וואָס דאָס איז דער ספר התניא.

וואָס פאַר דערויף איז אויך דאָ דער "שער" התניא. וואָס אין אים איז דאָך דאָ, ווי נשיא דורינו האָט געזאָגט, דער חלק פון דעם שער, דעם נוסח פון דעם "שער", וואָס איז געשריבן געוואָרן פון דעם אַלטן רבי'ן אַליין, וואָס דאָס איז ביז די ווערטער "בעזר השם יתברך".

וואָס וואָס איז דאָס? ווי ער זאָגט – אויף מבאר זיין אָט דאָס וואָס ס'שטייט "כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו, בדרך ארוכה וקצרה בעזר השי"ת.

דערנאָך הויבט זיך אָן "אגרת המלקט", "אליכם אישים אקרא] שמעו אלי [רודפי צדק]", מיט די אריכות הבאה לאחרי זה.

דערנאָך אויך, ווי ער שרייבט פון פריער אין דעם שער - אַז דאָס איז "מלוקט מפי ספרים ומפי סופרים". און דערנאָך אין "אגרת המלקט". וואָס דאָס איז דאָך אויך דער לשון פון דעם אַלטן רבי'ן.

וואָס דאָס איז די "פתיחה" און די "הקדמה" און די "אגרת" וואָס קומט אַלס "באַגלייט", אָבער אַלס הקדמה צום ספר התניא.

בשעת מ'גיט אַ קוק אין "מורה נבוכים" – האָט דער רמב"ם געשריבן אַ "פתיחה" צום "מורה נבוכים". וכדרכו אויך אין ספר הרמב"ם וואָס ער הויבט-אָן מיט אַ פסוק,

[כאָטש אפילו למרבה התמי', איז די וואָס לערנען רמב"ם און קאָכן זיך אין רמב"ם און מדייק אין רמב"ם – איז רובם ככולם ניט משים לב צו די פסוקים פון תורה וואָס דער רמב"ם אַליין ברענגט זיי און שטעלט זיי אַוועק אַלס אַ התחלה און אַלס אַ "פתיחה" און אַלס אַן "אריינגאַנג" אין די הלכות אין דעם ספר שבא לאחרי זה].

אין דער פתיחה פון "מורה נבוכים" דער רמב"ם הויבט דאָס אָן מיט דריי פסוקים. דער ערשטער פסוק איז ["הודיעני דרך זו אלך כי אליך נשאתי נפשי"], דער צווייטער פסוק איז ["אליכם אישים אקרא וקולי אל בני אדם"], און דער דריטער פסוק איז, ["הט אזנך ושמע דברי חכמים ולבך תשית לדעתי"].

וואָס דאָס איז בדיוק וואָס דער אַלטער רבי זאָגט:

"בדרך ארוכה וקצרה", אַלס אַ הקדמה ו"פתיחה" צו ספר התניא – בדוגמא ווי ער זאָגט דאָ, אַז ס'זאָל זיין "הודיעני [דרך זו אלך]" מיט אַן אריכות הפסוק; "מפי ספרים ומפי סופרים" – ווי ער זאָט דאָ, אַז ["הט אזנך ושמע דברי חכמים ולבך תשיב

לדעתי״], און [״אליכם אישים אקרא״] — דער זעלבער לשון פון דעם זעלבן פסוק ווי ער ברענגט אין פתיחה פון ״מורה נבוכים״, אויך אין דער פתיחה פון תניא.

וואָס ס׳איז דאָ כמה מפרשים און מדייקים: וואָס איז די שייכות און די פתיחה דוקא מיט אָט די ענינים?

וואָס אויף דערויף איז דאָך דאָ כמה וכמה ביאורים פון ברי סמכא, וואָס אין כאן המקום להאריך בזה, ובפרט אַז מ׳האָט אין דערויף ניט גערעדט פון רבותינו נשיאינו,

אָבער ״שמעו אלי [רודפי צדק]״ דאַרף דאָך ניט האָבן קיין ביאור פאַרוואָס עפּעס מ׳דאַרף מקדים זיין דאָס - כדי ס׳זאָל זיין דער לערנען פון די ספרים אין אַן אופן פון ״שמעו״, וואָס דאָס איז דער טייטש ״דבר כי שומע עבדך״ — דער ענין פון הבנה והשגה, [״נעשה ונשמע״, וואָס דאָס איז דאָך דער אָפּטייטש פון פאַרשטיין],

און אין אַן אופן פון ״אישים״, וואָס ד*דאס איז ״איש מלחמה״, וואָס דאָס פאַרלאַנגט ״מלחמתה של תורה״ - אַ שקלא-וטריא, הבנה והשגה והתבוננות ארוכה.

וואָס דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט ״דרך הוי׳ לעשות צדקה ומשפט״, און ווי גערעדט פריער בארוכה, אין די התוועדות שלפני זה, אַז יעדער ענין פון תורה ומצוותי׳ זאָגט מען אויף דערויף ״וללכת בדרכיו״, און דערנאָך מפרש ״חוקיו משפטיו ועודותיו״, ווי גערעדט בארוכה אין די התוועדות שלפני זה.

וואָס דאָס אזי דאָך אויך די כוונה אַ ״דרך ארוכה וקצרה״ — כדי דאָס זאָל ברענגען צו ״קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו״.

און דאָס איז ״מפי ספרים ומפי סופרים״ — ווי ער ברענגט אין מורה נבוכים אין דער ״פתיחה״, אַז ס׳איז דאָ ״דברי חכמים״, און דערנאָך איז דאָ ״דעתי״, ווי דער לשון־ה כתוב — ביידע ענינים, וואָס דאָס איז דאָך אַזוי אויך פאַרשטאַנדיק בפשטות, אַז אף על פי וואָס דער אַלטער רבי, מפני עניוות וכיוצא בזה, שרייבט אַז דאָס איז ״מלוקט מפי ספרים ומפי סופרים״ — איז דאָך דאָס תורתו פון דעם אַלטן רבי׳ן, ש״נקראת על שמו״, כמוזכר לעיל דער ״בעל התניא״. ובפרט על פי ביאור פון נשיא דורינו, אַז דאָס איז די ״תורה שבכתב״ פון תורת החסידות.

[וואָס יש לומר, אַז דאָ איז די כוונה פון ״תורת החסידות״, ניט נאָר פון חסידות חב״ד, נאָר פון גאַנץ חסידות — אויך פון חסידות הכללית. וואָרום סיי דער בעל שם טוב און סיי דער מגיד האָבן דאָך ניט געשריבן אין אַן אופן פון ״תורה שכתב״ תורתם; באַ זיי איז דאָס געווען תורת שבעל פה, און ס׳איז פאַרשריבן געוואָרן על-ידי תלמידיהם ווען איז געוואָרן ״תורה שבכת״ על-ידי בעל התורה, וואָס ״נקראת על שמו״? — איז דאָס איז געווען דער ספר התניא.

- ס'איז דאָ דער ספר ה"תולדות", וואָס ווערט געבראַכט פון צמח צדק בכמה מקומות, וואָס דאָס האָט ער אָבער פאַשריבן אַלס אַ תלמיד ש"שמעתי ממורי", דערנאָך מיט אַ ביאור אָדער הוספות משלו,

אָבער "תורה שבכתב", בדוגמא ווי תורה-שבכתב פון כללות ענין התורה, וואָס דאָס איז דאָך געשריבן געוואָרן על-ידי נותן התורה, דורך דעם אויבערשטן – על דרך זה "צדיקים דומין לבוראן", וואָס ס'איז געשריבן געוואָרן דורך אַ נשיא אין חסידות, "תורה שבכתב" פון חסידות – איז דאָס דער ספר התניא].

און זי איז כדי צו באַווייזן אָט די וואָס זיי זיינען "נבוכים" אין עבודת השם, כמבואר אין די "אגרת המלקט" – ווערט דאָס באַוויזן "בדרך", און דער דרך איז "דרך ארוכה וקצרה" וכו'.

**מב.** וואָס אין דערויף זעט מען די הוספה וואָס ס'איז דאָ באַ דעם אַלטן רבי'ן לגבי דעם רמב"ם:

אין דער פתיחה פון דעם "מורה נבוכים" איז דער רמב"ם מדגיש, אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן פאַר די וואָס זיי זיינען מבינים ומשכילים און בעלי חכמה און בעלי מדע און האָבן די הקדמה פון אַלע-ערליי ידיעות, סיי אין תורה סיי אין אַנדערע ענינים;

דער אַלטער רבי איז מוסיף ומדגיש, אַז דאָס איז אַ "ספר של בינונים". וואָס בינונים איז דאָס "מדת כל אדם ואחרי' כל אדם ימשוך"!

וואָס דאָס איז דאָך, ווי אין ענין פון כללות ענין החסידות און תורת הסוד, אַז פריער איז דאָס געווען פאַר "יחידי סגולה", און דערנאָך איז "מצוה לגלות זאת החכמה", און דערנאָך איז דאָס געוואָרן אין אַן אופן פון "יפוצו": אפילו "מעינותיך" זאָל מען ברענגען די "מעיינות" אַליין אין "חוצה" – ניט ווי ס'איז געווען אין זמן הרמב"ם, וואָס דעמאָלט איז דאָס געווען – ווי דער רמב"ם שרייבט – פאַרבונדן מיט אַ הכשרה און מיט אַ הקדמה און מיט אַ הכנה און מיט לימוד בפועל אין אַן אופן פון לימוד בתכלית השלימות אין כמה ענינים שלפני זה.

דאָס איז אָבער אויך פאַרבונדן, ווי אין "מורה נבוכים" כפשוטו, ווי ער שרייבט אין "פתיחה" מער בארוכה: אַזוי ווי ס'איז דאָ ענינים פון תור[ת] השם וואָס אין זיי ווערט אַ שאלה און אַ מבוכה, און מ'ווערט אַ "נבוך": ווי אַזוי קען מען זאָגן "עיני ה'", "כסא ה'", "הדום רגליו" וכיוצא בזה? – איז קומט ער און שרייבט לתלמידו – שרייבט און שיקט אים – דעם ספר ה"נבוכים", וואָס דאָרט איז ער מבאר ובעיקר ווי אַזוי ס'איז שייך זאָגן די תוארים, אָט די אַלע וואָס ער ברענגט דערנאָך און מבאר בנוגע צו ה'.

וואָס דאָס איז די התחלה פון "תורה אור".

וואָס תורה אור האָט דאָך שוין דער ממלא מקומו, דער צמח צדק, מסדר געווען, אַז דאָס זאָל ווערן "דברים שבכתב" – הויבט זיך אָן דער ערשטער ענין ווי אַזוי קען מען זאָגן "השמים כסאי" למעלה, "הארץ הדום רגלי" למעלה – בשעת ער איז ניט אין "דמות גוף ולא בגדר מקום" – וואָס אין דערויף רעדט ער באַרוכה אין "מורה נבוכים"!

וואָס בזמן פון דעם אַלטן רבי'ן איז דאָס טאַקע געווען "תורה שבעל פה" – פּונקט אַזויווי ווי מ'געפינט בנוגע צו ספר הרמב"ם בכלל, אַז בזמן המשנה והגמרא איז דאָס געווען "תורה שבעל פה"; דער רמב"ם האָט דאָס דוקא קובע געווען דוקא בכתב, און געהייסן מעתיק זיין בכתב, און האָט מגיה געווען די כתבים, כדי ס'זאָל ווערן "תורה שבכתב" און דאָס ז*אָל פאַנאַנדערגעשיקט ווערן בכל מקום ומקום צו וועלכן מ'האָט געקענט דערגרייכן.

וואָס על דרך זה איז געווען דערנאָך אין תורת החסידות.

**מג.** וואָס לכאורה איז דאָס גופא דאַרף דאָך האָבן אַ ביאור:

וויבאַלד אַז ס'איז אַ זמן וואָס ס'איז דאָ תורה שבעל-פה, איז דאָך אַ סימן, אַז די וועלט דאַרף דאָס האָבן – האָט דאָך דאָס געקענט גלייך דער בעל שם טוב פאַרשרייבן, דער מגיד פאַרשרייבן; ניט פאַרלאָזן זיך אויף תלמידים,

וואָס לאחרי כל הדיוק איז דאָך אינו דומה, בדוגמא ווי מ'געפינט ביי דעם אַלטן רבי'ן, אַז ס'איז דאָ "לשון אדמו"ר נ"ע בעצמו",

איז אפילו וואָס דאָס איז הנחות וואָס דער צמח צדק האָט מאשר געווען, און רובם זיינען פאַרשריבן פון דעם מיטעלן רבי'ן, ממלא מקום פון דעם אַלטן רבי'ן, און פון אחיו, וואָס איז געווען "אחיו" מיט אַלע פירושים וואָס ס'איז דאָ אין דעם וואָרט "אח", און וואָס סמך – דער אַלטער רבי – ידיו עליו אויף זיינע "הנחות" ורשימות,

אף על פי כן איז מען מדייק, אַז אָט דער דרוש אין חיי שרה איז דאָס "לשון אדמו"ר נ"ע בעצמו". ועל דרך זה בהנוגע צום משכן [="כי"ק אדמו"ר נ"ע – ביאור לענין הכרובים" שבתורה אור ס"פ תרומה] –

בדוגמא ווי ס'איז געווען ביים אַלטן רבי'ן מערניט ווי דער ספר התניא.

מיט נאָך כמה פרטים שאין כאן המקום להאריך בזה.

**מד.** די כוונה איז אָבער, וכמדובר, בהמשך אַז מ'קומט פון שבת פון כ"ף טבת, וואָס דעמאָלט איז ווי דער אַלטער רבי איז מבאר, איז דאָס אַן ענין וואָס "כל עמלו אשר עמל בו" דער רמב"ם – איז אָט דעמאָלט איז דאָס "פועל ישועות בקרב הארץ",

ומידי שנה בשנה איז ״הימים האלה נזכרים״, אַז מ׳דערמאָנט זיי ווי ס׳דאַרף צו-זיין – איז אָט דעמאָלט ״ונעשים״, ווי ער איז מבאר אין כתבי האריז״ל, טוען זיך אויף די המשכות והשפעות ווי ס׳איז געווען בפעם הראשונה, און נאָך מערער – דערפאַר וואָס ס׳דאַרף ד*אָך זיין דער ״להעלות בקודש״ למטה, איז ״להעלות לקודש״ דאָ דער ציורי און דער קיום אויך אין ״דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל״ מצד ההשפעות שמלמעלה,

ווערט דערנאָך ״מיני׳ מתברכין כולי יומי״,

ביז וואַנענט כידוע אויף דער נשיא דורינו, אַז ביים אַלטן רבי׳ן איז געווען אַ קביעות צו לערנען מיט נכדו, ממלא מקומו לאחרי זמן, מיטן צמח צדק, ״מורה נבוכים״.

ביז ווי דער צמח צדק ברענגט דאָס אַראָפּ בארוכה די ביאורים בזה בכמה מקומות ובכמה תוארים, אָנהויבנדיק טאַקע אַז ס׳שטייט אין ״מורה נבוכים״ אין דעם חלק און אין דעם פרק אָט דער און דער ענין, און דאָס איז דער ביאור ווי ער איז דערנאָך מבאר, וואָס ווי פאַרשטאַנדיק פון דעם סיפור פון דעם שווער איז דאָס אַ תורה פון דעם אַלטן רבי׳ן.

**מה.** און דערנאָך קומט-צו נאָך אַן ענין:

״מורה נבוכים״ האָט דער רמב״ם פאַנאַנדערגעטיילט אויף דריי חלקים; דעם תניא האָט דער אַלטער רבי פאַנאַנדערגעטיילט אויף דריי חלקים. אָנגערופן ״אגרת התשובה״ נאָך בזמן פון דעם אַלטן רבי׳ן: מהדורא תנינא, וואָס זי איז די וואָס מ׳לערנט איצטער – שרייבט ער און זאָגט, אַז דאָס איז חלק שלישי – ווי אין ״מורה נבוכים״ חלק שלישי.

און פאַנאַנדערגעטיילט אויף פרקים.

- אגרת הקודש איז פאַנאַנדערגעטיילט אויף ״סימנים״, און דאָס איז דערנאָך נצטרף געוואָרן, אַז ״עלה בדעתם לתת הורמנא״, ווי דער לשון בארוכה פון די ״הרבנים שיחיו בני הגאון המחבר״;

ווי דער אַלטער רבי האָט דאָס פאַנאַנדערגעטיילט איז געווען דריי חלקים אין ספר התניא – ווי די דריי חלקים אין ספר פון ״מורה נבוכים״.

און די התחלה וענין, אַז דאָס זאָל מורה-דרך זיין צו די ״נבוכים״, דערנאָך איז דער ״מורה דרך״ אָט די וואָס זוכן אַ דרך אין עבודת השם,

און אויך אין אַן אופן, ובהקדמה, אַז ס׳דאַרף זיין ״שמעו אלי [רודפי צדק]״, מיט אַלע פרטי הביאורים וואָס מ׳קען אויף דערויף זאָגן, נוסף אויף דעם דרך אפשר וואָס מ׳האָט דערמאָנט פריער,

ועל דרך זה בהנוגע צו ״חכמים״ לשון רבים, און דערנאָך ״דעתי״, ווי די פתיחה אין ״מורה נבוכים״ – ״מפי ספרים ומפי סופרים״, און דערנאָך ווי דער אַלטער רבי האָט דערפון אויפגעמאַכט תורתו, וואָס ״נקראת על שמו״ – ספר התניא,

און דער פסוק ראשון וואָס ער ברענגט, אַז דער אויבערשטער זאָל אים באַווייזן דרכיו און דערנאָך וועט ער גיין אין דעם דרך [״הודיעני דרך זו אלך״] – וואָס דאָס איז על דרך זה אויך ווי ער זאָגט ״בדרך ארוכה וקצרה״, און איז גלייך מוסיף ״בעזר השם יתברך״.

וואָס קומט דערפון אַרויס בהנוגע למעשה בפועל, וואָס כמדובר לעיל דאַרף מען דאָך האָבן דעם ״מעשה הוא העיקר״?

אַז אָט די וואָס ווילן חס ושלום פאַנאַנדערטיילן צווישן תורת החסידות און די תורה הכללית, וואָס דער פסק-דין קומט אַרויס דערנאָך אין ״הלכות הלכות״ – איז דאָס איז היפך פשטות פון עניני התורה!

וואָס ס׳איז ״תורה אחת לכולנה״ – אף על פי וואָס ״את הכל עשה יפה בעתו״, איז געווען אַ זמן וואָס מ׳האָט געהאַט מערניט ווי חמשה חומשי תורה, דערנאָך איז ״יפה בעתו״ איז צוגעקומען די עניני הנביאים, וואָס די נבואה איז געווען בזמן מסויים, במקום מסויים, און ניט פריער, און דערנאָך איז דאָס געוואָרן אַ חלק און אַ המשך פון ״תורה שבכתב״, און דערנאָך איז צוגעקומען ״כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש״, בעתו ובזמנו,

און מ׳זאָגט אָבער גלייך, אַז דאָס איז ״ניתן למשה מסיני״, און דאָס גייט איין המשך, און דאָס איז ״תורה אחת״ פון זמן מתן תורה ונתינת התורה בזמן ההוא – ביז וואַנענט ווי ער זאָגט בפירוש אין מדרשי חז״ל, אַז ״מזה ומזה הם כתובים״ איז דאָס אויך כולל ״כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש״.

במילא איז די שאלה: אויב ס׳איז אַ חלק – פאַרוואָס איז דאָס ניט געווען איידער דער אַלטער רבי איז נתגלה געוואָרן, אָדער איידער דער בעל שם טוב איז נתגלה געוואָרן –

איז דאָס בדוגמא פון דער שאלה: אָט דאָס וואָס ״תלמיד ותיק עתיד לחדש״, אויב דאָס איז ״ניתן למשה מסיני״ – איז פאַרוואָס איז דאָס ניט געווען מיט אַ טאָג און מיט דורות איידער דער ״תלמיד ותיק״ האָט דאָס מחדש געווען? און פאַרוואָס איז ניט געווען נבואה פון שמואל הנביא – איידער שמואל הנביא איז געבאָרן געוואָרן און געוואָרן אַ נביא. ועל דרך זה די נביאים פון יהושע חלק הנביאים וואָס אין ספר יהושע, און ספר שופטים. ועל דרך זה כתובים. ועל דרך זה כל שאר חלקי התורה.

ועל דרך זה אין תורה שבכתב עצמה:

״ויכתוב משה את דברי התורה הזאת״, וואָס ס׳שטייט נאָך אַז ס׳איז געווען נאָך פאַר מתן תורה, און ווי רש״י טייטשט דאָס אָפּ, אַז דעמאָלט האָט ער פאַשריבן פון ספר בראשית ביז די ענינים וואָס זיינען געווען אין זמן פון פאַר מתן תורה,

דערנאָך איז צוגעקומען עשרת הדברות, דערנאָך איז צוגעקומען ״ואלה המשפטים״ – ״מוסיף על הראשונים״, ביז וואָס ס׳איז צוגעקומען אין דעם לעצטן טאָג, אין וילך, וואָס ער זאָגט דאָרטן ״היום״ - אַז דאָס איז געווען בשבעה באדר, ביז ס׳איז צוגעקומען די שמונה פסוקים אחרונים שבתורה, וואָס ס׳איז ״כותב בדמע״, כמבואר אין בבא בתרא, [און ווי דער פירוש בזה איז ווי אַזוי איז דאָס אויסגעהאַלטן: שלימות פון תורה איז מוז דאָך האָבן די שמונה פסוקים שבתורה, און געשריבן בדיו, ווי די דינים אין אַלע ספרי תורה].

ועל דרך זה, ובמכל-שכן וקל וחומר, בנוגע צו נביאים וכתובים.

וואָס אויף דערויף זאָגט מען בפשטות, און מ׳דאַרף באַ קיינעם זיך אין דערויף ניט דינגען, אַז פונקט אַזוי ווי פון בראשית ביז מתן תורה, וואָס דאָס האָט משה רבינו אָנגעשריבן פאַר ששה בסיון ווען ס׳איז געווען מתן תורה בפעם הראשונה, האָט דאָס דעם זעלבן תוקף און ס׳קומט בהמשך אחד און ס׳איז ״תורה אחת לכולנה״, און דאָס דאַרף זיין אָנגעשריבן פאַר דעם ענין פון עשר הדברות,

און דערנאָך איז ״מגילה מגילה ניתנה״ אָדער ״חתומה ניתנה״, אָבער לדעת הכל איז דאָך געווען ״יפה בעתו״, אַז די פרשה איז געווען כמה פרשיות, ווי בנות צלפחד, וואָס דאָס איז געווען ווען ס׳איז שוין געווען דער דור שנכנסו לארץ, בסוף ארבעים שנה, על אחת כמה וכמה פרשה ״וזאת הברכה אשר ברך משה את בני ישראל״, וואָס דאָס איז דאָך געווען ביום פון שבעה באדר פון שנת הארבעים לצאתם ממצרים.

וואָס על דרך זה איז מובן בפשטות בהנוגע צו כל עניני התורה, וואָס ווי דער פסק-דין ברור ברמב״ם, וויבאַלד אַז ס׳איז אָנגענומען געוואָרן — ווערט דאָס דערנאָך אַן ענין וואָס אויף דערויף שטייט און ס׳איז דאָ דער חיוב סיי פון די מצות-עשה שבתורה און מצות לא-תעשה שבתורה, אַז מ׳זאָל טאָן ״ככל אשר יורוך״ ו״לא תסור ימין ושמאל״, ווי ער איז מבאר בארוכה אין די הלכות בספרו ״יד החזקה״.

**מו.** וואָס דאָס איז די הוראה במעשה בפועל, און אַן ענטפער בפועל, אויף די שאלות וואָ ס׳פרעגן די ״נבוכים״, מסיבות שונות ומשונות. וואָרום לולי סיבות שונות ומשונות – דאַרף מען גאָר לאחרי ריבוי השנים וואָס פון דעמאָלט, האָט מען דאָס די אַלע ענינים ניט געהאַט קיין אָרט אויף צו פרעגן איצטער!

און ווי מ׳האָט בשעת מעשה אויך געזאָגט, אַז די איינציקע זאַך און דער איינציקער טעם וואָס מ׳וויל באַווארענען — וואָרום מ׳האָט מורא, אַז דאָס וועט אָנרירן אין התמדה אָדער אין אהבה פון לימוד התורה אָדער הידור בקיום המצוות.

בשעת ׳מהאָט דערזען לאחרי זמן, און געזען בפועל, אַז מ׳פרעגט און מ׳זעט אַ בחור וואָס ער איז ערשט געוואָרן בר-מצוה און ער לייגט צוויי פּאָר תפילין, תפילין דרש״י און תפילין דרבינו תם — איז גאָר באַ קיינעם קיין שאלה ניט, אַז מסתמא האָט ער באַקומען אַ חינוך פון אַ חסיד,

וואָס חסידים זיינען מהדר, נוסף אַז מ׳איז מהדר און מקיים תפילין דרש״י — איז מען מהדר ווי ער פסק׳נט אָפּ בפירוש אין שולחן ערוך, אין שולחן-ערוך פון ״בית יוסף״, אַז יעדערער וואָס ער איז אַ ירא שמים דאַרף לייגן רבינו תם׳ס תפילין!

און בשעת מ׳זאָגט, אַז ״וראו כל עמי הארץ כי שם הוי׳ נקרא עליך ויראו ממך״, יראה פון עניני העולם איז דאָס פאַרבונדן מיט ״אלו תפילין שבראש״ — איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז זיין יראת-שמים מוז אים סוף-כל-סוף ברענגען, אַז ער וועט זיך פירן ווי דער ״בית-יוסף״ זאָגט, באַווייזן אַז ער איז אַ ירא-שמים אויך בפועל: ער לייגט צוויי פּאָר תפילין!

ועל דרך זה אַז מ׳דערהערט, אַז ער איז מקפיד אין ציצית כפול שמונה, וכיוצא בזה אין הכנסת שבת און יציאת שבת, און טראָגט אַ גאַנצע באָרד, ער רירט איר גאָר מלכתחילה ניט אָן וכיוצא בזה — זאָגט מען, אַז דאָס איז אַ סימן, מסתמא האָט ער באַקומען אַ חסידישן חינוך.

וואָס דאָס האָבן מלכתחילה באַוואָרנט אָט די וואָס בשעתם איז מצד ענינים שאין כאן המקום להאריך בזה זיינען זיי ניט געווען תמידי דיעה מיטן בעל שם טוב, אָדער על דרך זה מיטן אַלטן רבי׳ן בזמנו — האָבן זיי גלייך באַוואָרט טעמם בצידם,

וואָס דעמאָלט איז אַ כלל אין הלכה, אַז בשעת ס׳איז דאָ אַ גזירה וואָס מ׳גיט איר און מ׳זאָגט איר צוזאַמען מיטן טעם — איז דעמאָלט איז אַ הלכה, אַז בשעת ס׳איז בטל דער טעם איז בטל די הלכה.

און מכל-שכל וקל-וחומר, אַז ס׳האָט זיך דערנאָך גאָר אַרויסגעוויזן, וכידוע פון כמה סיפורים נאָך פון דעם אַלטן רבי׳ן נאָך בזמן פון דעם אַלטן רבי׳ן, ווי אַזוי ס׳איז געוואָרן דער שלום צווישן אָט די מיטן אַלטן רבי׳ן, וואָס מלכתחילה האָבן זיי ניט מסכים געווען לשיטתו,

און ס׳איז געוואָרן דער שלום — מיט כמה דרגות בדבר: אָט די שלום וואָס בפשטות האָבן זיי מפסיק געווען לגמרי די התנגדות שלהם,

און מיטן ביאור הפשוט: אַזוי ווי ס׳איז געווען מבוסס אויף אַ טעם און אויף אַ חשש וואָס ס׳איז נתברר געוואָרן אַז אין לו יסוד, איז בדרך ממילא איז בטילה ההתנגדות; מ׳דאַרף אויף דערויף גאָר ניט האָבן נאָך קיין ענינים און נאָך אַמאָל צוזאַמענרופן אַ

בית-דין, ווי דער דין איז בזה – וויבאַלד אַז מ׳האָט דאָס מפרסם געווען צוזאַמען מיטן טעם.

און דערנאָך איז געווען מדרגא לדרגא: אָט די וואָס מצד זיקנה בשנים אָדער מצד כמה ענינים וואָס אין כאן המקום להאריך בזה, זיינען זיי ווייטער ניט געגאַנגען – מערניט ווי אויפגעהערט מנגד זיין, איז געווען נאָך אַזעלכע וואָס זיינען געוואָרן מסייעים, ביז ס׳איז געווען אַזעלכע וואָס זיי זיינען געוואָרן הולכים בדרכיו ולומדים תורתו,

ביז ס׳איז געווען אַזעלכע, און אויך אין אַן אופן מפורסם, אַז זיי זיינען געוואָרן פון די חסידים הכי מקושרים והכי ראשונים פון די ״יחידי סגולה״ פון חסידים הראשונים, בזמן פון דעם אַלטן רבי׳ן עצמו.

**מז.** און אָט דאָ געפינט מען אויך אַ דבר פלא:

מיטן רמב״ם [איז געווען] על דרך זה ובדומה לזה, און אפשר נאָך שאַרפער אין דערויף.

וכידוע די התנגדות וואָס ס׳איז געווען אויפן רמב״ם, ביז אין אַן אופן נאָך מערער אין ענינים של רדיפה ווי ס׳איז געווען ביים אַלטן רבי׳ן. וכידוע אין די אגרות ותשובות פון דעם רמב״ם, אגרות ותשובות פון בני דורו,

און דערנאָך, אַז מ׳האָט מברר געווען אויף וואָס די חשדים און די התנגדות איז מבורר ומבוסס – איז חס ושלום ״לא ירים איש את ידו ואת רגלו״ זאָגן עפּעס אַנטקעגן דעם רמב״ם,

אף על פי וואָס דער ראש פון תורת המוסר בדורו פון דעם רמב״ם, אָדער בדור שלאחרי זה, איז דאָך ידוע ווי ס׳איז געווען פריער זיין יחס צום רמב״ם, און דערנאָך – ווי אַזוי ער האָט געזען און מברר געווען דעם ענין, און האָט ניט גערוט ביז ער האָט מברר געווען דעם ענין, וואָרום ער האָט ניט געקענט רוען – האָט ער דאָס מברר געווען און געקומען להמסקנא האמיתית, און האָט דאָס מפרסם געווען, און איז געוואָרן פון אָט די וואָס זיי זיינען געוואָרן פון די חסידים הכי נלהבים פון דעם רמב״ם,

[אף על פי וואָס דעמאָלט האָט מען נאָך ניט גענוצט אָט דעם תואר, אף על פי וואָס בנוגע צו אים זאָגט מען אויך דעם וואָרט ״החסיד״].

וכידוע ליודעים פון דברי ימי תורת ישראל.

וואָס דאָס באַווייזט אויך, און די הוראה למעשה, אויף ניט נתפעל ווערן, אַז לכאורה איז ניט פאַרשטאַנדיק ווי אַזוי ס׳איז געווען אין זמן פון דעם אַלטן רבי׳ן, אָט דער און דער וואָס האָט געזאָגט באופן כך וכך –

איז אַזוי איז געווען בזמן הרמב״ם. און דערנאָך ווייס מען ווי אַזוי ס׳איז געוואָרן דער המשך הענינים, און מ׳ווייס ווי אַזוי ער איז נתהפך געוואָרן מן הקצה אל הקצה, ביז אין אַן אופן ״יתרון האור״ און ״יתרון החכמה״ מיט אַ להב און מיט אַ התקשרות מיוחדה צו כל עניני הרמב״ם.

וואָס דער סדר איז געווען, [וואָס אין דערויף גלייכן זיי זיך אויך אויס]:

דער רמב״ם שרייבט אין זיינע אגרות, אַז ער האָט זיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין וויכוחים. – ער האָט געוואוסט פון די רדיפות, און ער האָט געענטפערט אויף די שאלות מיט די קשיות, מ׳האָט אָבער געוואָלט פירן מלחמה – האָט ער ניט געוואָלט.

וואָס דאָס איז [אויך] די אגרת שכתב [רבינו הזקן] תיכף ״בבואו מפטרבורג״ - אַז חס ושלום, נאָר אדרבא, ״וכולי האי ואולי״, אַז ״כמים הפנים לפנים״, ווי ס׳איז אָפּגעדרוקט אין די אגרת הקודש, גלייך די צווייטע, נאָך די אגרת הקודש פון ״פותחין בברכה״. [וואָס דאָס איז אַן ענין של פתיחה בברכה, און דערנאָך גלייך אָט די באַוואָרעניש].

ועל דרך זה ווי מ׳געפינט דאָס אין אגרות פון דעם רמב״ם און אין דער הנהגה פון דעם רמב״ם, און ווי ער האָט דאָס אָנגעזאָגט לתלמידיו, כמבואר אין אגרות הרמב״ם.

און די הוראה למעשה, גאָר די עיקר׳דיקע הוראה, איז – איז בלשון הרמב״ם, אַז מ׳זאָל וויסן זיין, אַז ״יסוד היסודות ועמוד החכמות״,

וואָס לכל לראש מיינט דאָך דאָס דער רמב״ם, [אָדער גאָר אינגאַנצן, ער מיינט מערניט ווי דאָס], מיינט ער דאָס יסודות אין תורה, און מיינט חכמה אמיתית וואָס דאָס איז חכמת התורה, [וואָס אין איר גופא איז דאָך דאָ אַ ריבוי חכמות – אף על פי וואָס ד*סא איז אַ ״תורה אחת״],

אַז מ׳זאָל וויסן זיין, אַז יעדער זאַך אין וועלט איז דאָס ״מאמיתת המצאו״, און לולי פון דעם ״אמיתת המצאו״, פון דעם אויבערשטן – ווערן זיי גלייך בטל בכל רגע ורגע,

[וואָס דאָס איז תורת הבעל שם טוב – נאָר וואָס דען, ער האָט דאָס מפרט געווען, און דער אַלטער רבי ברענגט דאָס אַראָפּ אין התחלה פון שער היחוד והאמונה, וואָס אין מחשבה ראשונה איז דאָך געווען, אַז דאָס זאָל זיין דער חלק ראשון שבתניא, במדובר בארוכה במקום אחר].

וואָס אָט דעמאָלט, בשעת מ׳גיט אַ קוק אויף אַ מציאות, וואָס די מציאות זאָל ניט זיין – דאַרף ער זיך גלייך דערמאָנען, אַז דאָס האָט דעם קיום פון דעם ראשי-תיבות פון ״יסוד היסודות ועמוד החכמות״, וואָס דאָס איז שם הוי׳,

דערמאָנט ער זיך וואָס ס'שטייט אין שולחן-ערוך, [אויב ער דאַרף האָבן אַ דערמאָנונג], אַז הוי' דאַרף זיין "שויתי הוי' לנגדי תמיד",

און גלייך מבאר: אפילו ווען ער געפינט זיך בחדרי חדרים – איז אָט דעמאָלט דאָרט דאָ דער אויבערשטער, און "נצב עליו ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי".

און אָט דעמאָלט טוט זיך אויף דער עיקר הענין, אַז מ'ווערט אויס "נבוך", און מ'גייט בדרך השם, ווי ער זאָגט אין התחלה פון "מורה נבוכים" די ביידע לשונות אין דרך,

און ווי דער אַלטער רבי זאָגט גלייך נ*אָך אין "שער" פון דעם תניא, אַז ס'איז אַ "דרך ארוכה וקצרה", אָבער אויף ביידע ענינים האָט מען "בעזר השם יתברך",

ולפני זה - אַז דאָס איז "קרוב אליך הדבר", און ניט סתם "קרוב" נאָר "מאוד", און ס'איז ניט נאָר "קרוב" אין איין ענין, אין איין לבוש – נאָר "בפיך ובלבבך לעשותו",

און אין די אַלע ענינים ביז אין עשי' בפועל, ו"המעשה הוא העיקר", האָט מען דעם "עזר השם יתברך",

וואָס "יתברך" איז דאָך אויך איינער פון די אָפּטייטשן אין דערויף, אַז ער ווערט געבענטשט דורך אידן, וואָס זיי זיינען מברכי השם, און ער בענטשט אידן, און איז מברך און משפיע און "מבריך" און ברענגט אַראָפּ די ברכת השם ביז למטה מטה אין עשי' בפועל,

און אין אַן אופן, אַז "ברכת השם היא תעשיר" - אַז מ'האָט עשירות ברוחניות און עשירות בגשמיות,

ביז וואַנענט מ'מאַכט די גאַנצע וועלט אַ "דייכע" וועלט, דורך "ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר יחדיו כי פי הוי' דיבר", אַז מ'זעט ווי אַזוי "את השמים ואת הארץ אני מלא" – זעט מען דאָס בעיני בשר,

בקרוב ממש, בביאת משיח צדקנו, און אין אַן אופן פון "נאו".

לחיים, לחיים.

• • •

ניגנו "ווי וואָנט משיח נאַו", כשכ"ק אד"ש מעודד מאוד את הנגינה.

• • •

כ"ק אד"ש צוה לנגן ניגון "הכנה". ניגון אדה"ז ["אַ ניגון הכנה און דערנאָך דעם אַלטן רבינ'ס ניגון"]. "ניע זשוריצי חלאָפּצי", כשכ"ק אד"ש מעודד מאוד את הנגינה.

אח״כ אמר: די וואָס דאַרפן מאַכן אַ ברכה אחרונה – וועלן זיכער מאַכן אַ ברכה אחרונה.

ברך ברכה אחרונה, וטרם צאתו התחיל לנגן ״ווי וואָנט משיח נאַו״.

• • •

**לע"נ**

הרב התמים **יוסף** ע"ה

בן יבלח"ט הרב **נחמן בער**

**קריימאן**

**לע"נ**

הרה"ח התמים ר' **משה אהרן**

בן הרה"ח ר' **בן ציון** ז"ל

**גייסינסקי**

יאהרצייט, ג' טבת

הוקדש ע"י משפחתו

**לזכות**

ר׳ **אליעזר חיים** וזוגתו **רבקה** בתי׳

יוצאי חלציהם וכל בני משפחתם שיחיו

**לפידות**

בוענאס איירעס, ארגענטינא